בס"ד

# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה'

**פרשת כי תצא**

נומער 280

עירנו

## נייע ביליגע קאר סערוויס אין שטעטל

שטעטל נייעס

## פרישע שטאק בייס בנין המוסדות

אלץ און אלעמען

## א קאר וואש

א מעשה פון א צדיק

## ישועות ביי רבי ישעי'לע

קוק אהער

## דעם רבינ'ס בענקל



באס דרייווערס

# אסיפת

# חיזוק



מלמדים בארץ ישראל



אומאן עסקנים



בודקים

## צוויי וואכן צום רבינ'ס ראש השנה תשפ"ו

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת כי תצא תשפ"ה • 280



**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ



צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00



כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.




קאר וואש


9





פרישע שטאק ביי בנין המוסדות


5




פראיעקט ראש השנה תשפ"ו חלק ב'


29

| | |
|---|---|
| 10 | בריוו פון ראש ישיבה |
| 19 | ברסלב'ע שטוב |
| 35 | קינדער בלעטל |
| 46 | געשעענישן |



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


## זמנים
כי תצא י"ג אלול

הדלקת הנרות . 07:06
מוצאי שבת ..... 08:35

**מנחה מעריב**
**פרשת כי תבא לאומן 8:10**









10 נייע גרויסע לופטיגע קלאסן




# גדול יהיה כבוד הבית הזה

און די קומענדיגע טעג וועלן מיר אי״ה פארעפענטליכן זכותים וואס איר וועט
אייך קענען אייהאנדלען אלס א זכות נצחי און דעם הייליגן רבינ׳ס מוסדות.

## זכותים בבנין

- זכות קומה
- זכות פרוזדור
- זכות שער הבנין
- זכות כיתה
- זכות חדר מלמד
- זכות חלון
- זכות מזוזות
- זכות נטילת ידיים
- זכות שלחנות

קרן הבנין

**מגבית הרחבת גבולי קדושה**

*sruliHeskel

# הערליכע מסיבה ביים בית התבשיל

## רייכע באנקעט פארגעקומען

זונטאג שופטים ר"ח אלול האט דער בית התבשיל אפגעהאלטן א הערליכע באנקעט (ממש אין די פאסיגע צייט פון חודש אלול ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה) אינעם גרויסן נייעם בנין פונעם בית התבשיל, מיט'ן ציל אויפצוטרייבן נדבות, און מכיר טוב זיין פאר אלע וואס זענען נושא בעול א גאנץ יאר.

דער מחנך מו"ה יחזקאל סאמעט שליט"א האט אויפגעטרעטן און גערעדט איבער די פילע פעולות פונעם בית התבשיל, און מודיע געווען אז מען גרייט זיך שוין אין די טעג צום תשרי חלוקה, וואס ערווארטעט אפצוקאסטן אן ערך פון 100 טויזנט דאלער, וואס איז בלויז א קליין חלק פון די יערליכע האלב מיליאן דאלער בודזשעט.

מען האט אויסגעטיילט שיינע מתנות פאר די גרעסערע נדבנים וואס האבן צושטייער געגעבן שיינע סכומים און ספעציעל פאר די וואס האבן אנטייל גענומען מיט נדבות פון איבער פופצן טויזנט דאלער, ר' שבתי מזרחי, ר' אברהם טיקאלסקי, און ר' אשר לעווי וועלכע האבן באקומען א ספעציעלע פלעק, א געמאלן בילד פון הרה"ק ר' ישעי'לע קערעסטירער זי"ע מיט זיין קמיע ארייגעלייגט דערין.

אויך האט ער געמאלדן עטליכע גראנדיעזע פלענער וואס די בית התבשיל וויל טון אין די נאנטע צוקונפט, אויף וואס דער ציבור האט יעצט די זעלטענע געלעגנהייט אפצוקויפן די זכותים פונעם פראיעקט. צוערשט פלאנט מען צו עפענען א קאך ווי מען וועט קענען באקומען ווארימע נאכטמאלס טעגליך, צווייטנס וויל מען ווינטערייזן דעם בנין, די דריטע זאך וויל מען צוענדיגן דעם פארקינג מען זאל עס קענען נוצן ווינטער, און איבער אלעם האט ער געזאגט איז נאך אוועלעיבל די אפציע צו קויפן די נאמען פונעם גרויסן נייעם בנין פונעם בית התבשיל.

בשעת'ן מאכן די פלענער פאר'ן מסיבה איז די הנהלה אלעס איבערגעגאנגען פונעם מסיבה מיט'ן ראש ישיבה, און אזוי אויך האט מען גענומען דעם הכשר פונעם דיין פאר אלע מאכלים, און מען האט אויפגענומען אלץ משגיח אויפן פלאץ מו"ה ישראל פוקס הי"ו וואס איז אלעס איבערגאנגען און זיכער געמאכט אז אלעס איז בתכלית הכשרות.

לויט ווי מו"ה שלמה יאקאבאוויטש געבט איבער, האט זיך דער ציבור זייער ווארים אנגערופן, אבער געבט איבער אז אויך די וואס זענען נישט אנגעקומען זיך צו באטייליגן פערזענליך קענען אים נאך רופן אויף 845-637-5367, און זיך איינקויפן גרויסע זכותים פאר'ן יום הדין, מיט'ן שטיצן דעם בית התבשיל וואס מאכט זיכער בעז"ה אז קיינער זאל חלילה נישט בלייבן הונגעריג.

**לשובע ולא לרזון**



# פרישע שטאק אויפן בנין המוסדות צוליב ענגשאפט אין פלאץ




קרית ברסלב וואקסט קע"ה אויף א גאר שטארקע פארנעם, עס קומען צו כסדר פרישע קינדער, אזוי אויך ציען זיך ארויס אין שטעטל כמעט יעדע וואך פרישע משפחות. די הנהלה האט שוין געזען א יאר צוריק וואס עס קומט, און האט שווער געארבעט אויף פלענער צו קענען בויען א פרישע גרויסע בנין ביי די קארנער פון דענמען ראוד.

אבער ווי יעדע גוטע זאך, שטעלט דער סמ"ך מ"ם אראפ פיסלעך, און די אפראוועלס צו קענען אנהייבן דעם גרויסארטיגן בנין ביים ווינקל פון די דענמאן גאס האבן זיך פארצויגן אסאך לענגער ווי מען האט געמיינט, און דערווייל ווייסט מען נישט ווען ווילאנג נאך מען וועט דארפן ווארטן דערויף. מען בעט טאקע אנשי שלומינו זאלן ווייטער מתפלל זיין מען זאל באקומען די ערלויבעניש צו קענען בויען.

ביזדערווייל איז געקומען א מצב וואס מען קען שוין בשום אופן נישט ווארטן. בנין שבתי מזרחי און בנין משה איינהארן זענען שוין איבערגעפולט יעדע לעכל, און מען מוז "שוין" האבן נאך פלאץ.

נאך אסאך תפלות האט דער אייבערשטער ארייגעשיינט א געדאנק, אז מען זאל אויף דערווייל אויפבויען א פרישע שטאק אויפן עקזיסטירנדן בנין "שבתי מזרחי", וואס וועט געבן די פלאץ צו קענען אטעמען און ארבעטן דערווייל אויף די פלענער פאר'ן נייעם בנין וואס וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף נאכקומען.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן פון די באקאנטע באליבטע גבאי צדקה מו"ה שבתי מארקוס הי"ו און מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו, זיי זאלן נעמען אויף זייערע פלייצעס אויף די אויפגאבע פון שאפן די מיליאן דאלער וואס דער פראיעקט איז געשאצט צו קאסטן.

מיט די הסכמה פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס איז איבערגעגאנגען און באקוקט אלע פלענער וועט מען צוליב די נחיצות פונעם פראיעקט, "שוין" אנהייבן צו בויען, און מיט'ן אייבערשטנס הילף וועט מען זיך אריינצוען דערין שוין קומענדיגן אנפאנג ווינטער זמן, זונטאג נח תשפ"ו - יא יא, אין ווייניגער פון צוויי חדשים פון יעצט.

לויט די פלענער וועט די פרישע שטאק אנטהאלטן איבער 9,000 סקווער פיס, דערין וועלן זיין צען גרויסע לופטיגע קלאסן, אפיסעס, און אלע באדערפעניש.

די גבאים גייען שוין ארום פארקויפן די זכותים נצחיים פון קלאסן, וואס פילע זענען שוין פארקויפט. יעדער פון אנשי שלומינו וועט זיכער מאכן בעז"ה צו כאפן כאטש עפעס א זכות אינעם בנין וואס וועט געבן הרחבת הדעת פאר צוויי הונדערט קינדערלעך תינוקות של בית רבן מיט זייערע געטרייע מלמדים.

## הרחיבו מקום אהלך!






# עירנו

**עירוב:** אזוי ווי יעדעס יאר איז פארגעקומען א מסיבת הכרת הטוב פאר די געטרייע בודקים וואס זענען בודק דעם עירוב וואך איין וואך אויס אן קיין אויסנאם, און מאכן זיכער אז די עירוב איז כשר.

אנדערש ווי אין אנדערע געגנטער וואס האבן באצאלטע בודקים, האבן מיר דא בודקים וואס זענען וואלונטירן און זענען בודק די גאנצע עירוב יעדן איינציגן וואך, זומער, ווינטער, היצן, קעלט, שניי, רעגן, שלא על מנס לקבל פרס.

דער ראש ישיבה האט מחזק געווען די בודקים און געזאגט אז דער בעל שם טוב האט געזאגט אז בזכות דריי זאכן גייט משיח קומען: זביחה, עירוב און מקווה. מען האט שוין ברוך השם א געהעריגע כשר'ע עירוב דורך די יאר, און אויך אסאך שיינע מקוואות טהרות, און אויך ארבעט מען יעצט אויף די בית השחיטה.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די דריי זאכן מוז זיין אונטער א קהילה, ווייל אויב ס'איז אונטער א יחיד אזוי ווי ביי אנדערע פלעצער וואו ס'איז נישט אונטער א קהילה קען מען נישט וויסן צו די עירוב איז יא כשר, אדער נישט כשר. די זעלבע זאך איז מיט מקוואות און מיט פלייש, איז מען מקפיד ס'זאל זיין דווקא אונטער א קהילה, ווייל אויב ס'מאכט זיך א פראבלעם, א יחיד וועט מען יא וויסן נישט וויסן, ער וועט נעמען א היתר פון הפסד מרובה. אבער ווען עס איז אינטער א קהילה מאכט מען נישט די אלע חשבונות.

דער ראש ישיבה האט איבערגעזאגט פונעם הייליגן יטב לב זי"ע אז העלפן מיט אן עירוב איז מסוגל פאר זרע של קיימא.

ברוך השם אז עס איז שוין איבער פינף יאר וואס די עירוב איז כשר יעדע וואך שבת, און מען האט נאך קיינמאל נישט געדארפט מודיע זיין אז די עירוב איז נישט כשר, וואס דאס איז נאר צו פארדאנקען די איבערגעגעבענע בודקים, אזוי אז יעדער זאל קענען טראגן שבת.

ווי דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט פאר איינעם וואס האט געפרעגט בנוגע די עירוב "מיר האבן אן עירוב מהדרין מן המהדרין".

דער ראש ישיבה האט אויפגענומען מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו מיט זיינע צוויי איידעמער מו"ה אלי' פערל הי"ו און מו"ה אלי' זעליקאוויטש הי"ו צו אנהייבן ארבעטן אויף דעם נייעם עירוב אין די ווילידזש, אין צוזאמען ארבעט מיטן ערשטן עירוב.

פארגאנגענע וואך האבן זיי געהאט א מיטינג צו מאכן די פלענער וואו די עירוב זאל אדורכלויפן, אז ס'זאל ארייננעמען אלע וואס וואוינען אין די ווילידזש. ס'זאל זיין די גרעסטע וואס מען קען מאכן, און זיין די באקוועמסטע פאר יעדן איינעם. מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען אין די קומענדיגע פאר וואכן אנהייבן ארבעטן אויף די פערמיט'ס, דערנאך וועט מען קענען אנהייבן מיט די אקטועלע ארבעט. דער אייבערשטער זאל העלפן אלעס זאל גיין גרינג און שנעל.

אויך איז די וואך אראפגעקומען די ועד הכשרות פונעם עירוב הרב ר' חיים מאיר שטיינמענץ שליט"א, אזוי ווי ער קומט אראפ איינמאל א יאר, דורך צו גיין פונקטליך יעדן חלק פון די עירוב, ער האט איבערגעגעבן אפאר הערות ווי אזוי מען קען בעסער מאכן די עירוב על צד היותר טוב.

**קאר סערוויס:** אין די יעצטיגע טעג האט זיך אנגעהויבן א נייע סערוויס וואס די הנהלה שטעלט צו.

אזויווי מען וואוינט אין שטעטל זייער צושפרייט און עס איז נישט אזוי גרינג אנצוקומען פון איין פלאץ צום צווייטן, האט דער ראש ישיבה געבעטן די הנהלה אז מען מוז עפעס זען צו טון אז עס זאל זיין א וועג פאר די פרויען צו קענען קומען און גיין, און נישט שפירן ווי מען איז איינגעשפארט אינדערהיים. דאס איז שוין נאכדעם וואס מען האט שוין פרובירט אסאך וועגן. די הנהלה האט זיך נאכאמאל ארייגעלייגט דערין, און נאכן אריבערגיין אפאר אפציעס האט מען באשלאסן אז מען וועט עפענען א קאר סערוויס פאר לאקאלע טריפס און די קהילה וועט באצאלן האלב פון די טריפ. די נאמבער צו טעקסטן ווען מען דארף א קאר איז 845-907-1819.

דאס קומט אויסערדעם וואס די הנהלה האט ב"ה אויסגעארבעט די 'מאוו-סאליוען' שאטל רוט, וואס גייט שוין אן פאר כמעט א יאר צייט וואס איז אינגאנצן בחינם.

נייעס'לעך

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

**חברי הנהלה**

## טויזנט ווערטער



עירוב מיטינג




א צובראכענע לחי וואס א בודק האט געטראפן

## רוימערקעס

פאר די טובה פון אלע איינוואוינער איז וויכטיג צו דערמאנען אז מען זאל נאר נעמען רוימערקעס (קלינינג לעדי"ס) פון מרת קורדוזו תחי', וואס איז גרייט יעדן טאג פאר אלע איינוואוינער, צוצושטעלן רוימערקעס, אזוי קען מען האלטן די פרייז נידריג, און אזוי וועלן מיר זיי נישט פארלירן אין די זומער וואכן ווען די שטאטישע איינוואוינער שלאגן זיי פאר צו באצאלן מער געלט.

די מציאות האט געוויזן אז ווען מען האט זיי געעפענט די אויגן פאר מער געלט, האבן אלע ליידער געליטן דערפון, אבער ווען מען האט זיך געהאלטן צוזאמען מיט א שטארקייט אז מען צאלט נישט מער ווי די פרייז, האבן זיי זיך געמוזט בייגן און קומען פאר די פרייז.

לאמיר נישט מאכן קיין שאדן פאר זיך און פאר אנדערע צוגלייך.

## ברוכים הבאים

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען די חשוב'ע משפחה

# מו"ה יודל פעלדמאן הי"ו
### וזוגתו שרה תחי'

וואס האבן זיך ארייגעצויגן אין שטעטל

## קרית ברסלב ליבערטי

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן קענען אסאך צוגעבן פארן שטעטל, און האבן הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם.

# מעשיות פון תפילה



**נתן נתן בוים**

איך האב ברוך השם די זכיה צו ארבעטן אין די הדפסה דרוקן די הייליגע ספרים. איין טאג האב איך געדארפט אריינסקענען עפעס צו א יו.עס.בי. און כ'האב ארויף געסקענט אויף די יו.עס.בי. אבער כ'האב נישט געכאפט אז די יו.עס.בי וואס כ'האב גענוצט האט מען אמאל גענוצט עפעס צו פאררעכטן די מאשין, און ס'איז געווען געוויסע פיילס אויף דעם וואס האט געמאכט אז די מאשין האט אנגעהויבן מאכן אינטערעסאנטע זאכן.

כ'האב אויסגעלאשן די מאשין און צוריק אנגעצינדן די מאשין, אבער די מאשין האט זיך אנגעהויבן אזוי ווי ס'איז א מאשין וואס האט גארנישט און מען דארף אנהייבן פון אלף, און קען גאר זיין אז די גאנצע מח פון די מאשין איז געגאנגען שלאפן, און דאס צו פאררעכטן קאסט שווערע געלטער.

איך האב גלייך גענומען בעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל נישט געשען גארנישט, ס'זאל ווייטער ארבעטן גוט. למעשה איז ארויפגעקומען א מעסעדש נאך אפאר מינוט, אז ס'איז נישט א גוטע יו.עס.בי. און ס'קען נישט ארויפגיין אויף דעם.

כ'האב עס צוריק ארויסגענומען, און געבעטן דעם אייבערשטן אלעס זאל זיין גוט, און עס צוריק אריינגעלייגט. איך האב צוריק אנגעצינדן די מאשין אן די יו.עס.בי. און ברוך השם די מאשין ארבעט גוט, שכח אייבערשטער.

---

**מרדכי אוידלס**

איך האב געדארפט עפעס באשטעלן אויף א געוויסע וועבזייטל אבער איך האב נישט געהאט קיין וועג וואו דאס צו באשטעלן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן וואו דאס צו קויפן, איך האב ברוך השם נישט קיין סמארטפאון וכדומה.

שכח אייבערשטער איך האב געטראפן איינעם וואס קען עס טון פאר מיר. למעשה ווען ער האט פרובירט דאס צו באשטעלן איז עס עפעס נישט אריבער, ער האט זיך געמוטשעט א שטיק צייט, איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אדורכגיין אן קיין פראבלעמען.

שכח אייבערשטער אז נאך אפאר מינוט איז עס אדורך, ער האט עס באשטעלט פאר מיר.

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com 845-445-7447



## קאר וואש

### שאלה

**פאריגע וואך האט מיר מיין טאטע מיטגענומען ווען ער האט געמאכט א קאר וואש, איך האב מיך נישט געקענט אפוואונדערן פון די גאנצע זאך. איך וואונדער מיר פארוואס שפירט זיך אזוי געשמאק צו זען א קאר וואש?**

**רפאל וו.**

### ענטפער

וואס איז אזוי געשמאק? וואס הייסט: איך האב גענוצט מיין קאר גאנץ זומער אין די קאנטרים, עס איז פארשטויבט, פארשמירט, אפילו די פארבע זעט שוין אויס כמעט גרוי, אבער איך טו גארנישט, איך פאר בלויז דורך דעם קאר וואש, און אלעס געשעט אליינס.

עס קומען צו פארן פייפס וואס שפריצן ארויף דערויף שטארקע שטראמען פון וואסער, דערנאך ווערט דער קאר באדעקט מיט ווייסע שוימיגע זייף, און יעצט קומען די אזוי גערופענע "ספיידערס" די לאנגע שמאטע ארעמס וואס הענגען אראפ פון דאך און האקן וואשן און ווישן די קאר.

דערווייל בין איך געזיצן אויף מיין זיץ מיט א משניות אין די הענט, דער קאר אויף נוטראל, אבער מיין קאר קומט ארויס אויף די אנדערע זייט הערליך גלאנציג פריש און שיין.

אפילו פון אינעווייניג שפירט זיך די קאר פריש, און עס שפירט זיך אזוי געשמאק צו פארן אינעם שיינעם בליטשעקדיגע קאר, וואס אפילו די רעדער גלאנצן און שיינען.

אמת, מען האט גארנישט געטוישט אין די קאר, מען האט נישט געלייגט קיין נייע מאטאר, מען האט נישט געטוישט די זיצן, אבער עס שפירט זיך ווי א נייע בריאה. אויפגעפרישט און גרייט צו פארן ווייטער אויף שיינע און גוטע פלעצער.

ממש דאס איז וואס מיר גייען יעצט בעזרת השם טון, נישט מיט די קאר, נאר מיט אונז אליינס. מיר וועלן בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן קומען אויף ראש השנה צום הייליגן רבי'ן, דער רבי טוט מיט אונז ממש די זעלבע זאך.

עס איז דורך אויף אונז א שווערע יאר, מיר האבן מיטגעמאכט גאר אסאך ברוחניות ובגשמיות, מיר זענען פארשטויבט, פארשמירט, מיר שפירן זיך נישט פריש, מיר דארפן עמווירזשענסי א פרישע באד, א קאר וואש פאר די נשמה.

עס איז דא א מלחמה? מען דארף פארן מיט א סטאפ? מען דארף דורכגיין א גרעניץ? עס קאסט אסאך געלט? מען פארט לאנגע שעות אין איין צו? אבער עס לוינט זיך אלעס. מיר ווייסן צו וואס מיר קומען. מיר זענען אזוי פרייליך טראץ אלע מיטמאכעניש, ווייל מיר גלייבן און מיר ווייסן וואס דער רבי' האט געזאגט, אז ווער עס וועט קומען צו אים אויף ראש השנה, נישט קיין חילוק ווי שטויביג, שמוציג און פארשמירט מיר זענען, וועט ער אונז אפוואשן, אפווישן, און פאררעכטן, און מיר וועלן ארויסקומען פון רבינ'ס ציון אויפגעפרישט און באנייט, גרייט פארן קומענדיגע נייעם יאר.

אבער עס איז נישט נאר דאס, מיר וועלן פועל'ן ביים רבי'ן א זיסע געבענטשטע יאר, פאר אונז פאר אונזערע משפחות און פאר גאנץ כלל ישראל, א יאר פון אמונה, א יאר פון שמירת עינים, א יאר פון רעדן צום אייבערשטן, א יאר פון פרנסה, א יאר פון רפואות. א יאר פון זיך באנייען און זיך אויפפרישן יעדע מינוט פון פריש.

**אני נהר המטהר מכל הכתמים!**

# וואס זאל איך רעדן חודש אלול?



## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דִי בְּרִיוו אִיבֶּער וָואס צוּ רֶעדְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים אִין דִי יְמֵי בֵּין הַמְצָרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעפָּאלְגְט אַלֶעס וָואס אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען. יְיַשֶׁר כֹּחַ.**

**יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְט וִוי אַזוֹי אוּן וָואס מֶען זָאל רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער, מַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע זֶענֶען אַכְט יָאר אַלְט, אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֶלוּל, פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.**

**אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַפָּאר וֶוערְטֶער לְתוֹעֶלֶת דִי תַּלְמִידִים.**

**יְיַשֶׁר כֹּחַ אוּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין דִיר אַזוֹי מְקַנֵא מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; דוּ זִיצְט מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, רֵיינֶע נְשָׁמוֹת, אַכְט יֶערִיגֶע קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נָאךְ נִישְׁט פוּן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן, זֵיי שְׁלִינְגֶען יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער מְלַמֵד זָאגְט, יֶעדֶעס וָוארְט פוּנֶעם מְלַמֵד גֵייט אַרַיין טִיף טִיף אִין זֵייעֶרֶע רֵיינֶע הֶערְצֶער.

אַ מְלַמֵד וָואס הָאט דִי רִיכְטִיגֶע הַקְדָּמוֹת, עֶר וֵוייסְט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אוּן וָואס צוּ רֶעדְן - קֶען עֶר בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט, דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, זֵיי וֶועלְן וִויסְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, מֶען זָאל אִים צוּזָאגְן אַז מֶען גֵייט זַיין וואוֹיל. לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי עֶר וויל נָאר גוּטְס, עֶר וִויל נִישְׁט שְׁטְרָאפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר וַוארְט מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים.

דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה, דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ; וִוי וַוייט מֶען אִיז פַארְקְרָאכְן קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶעד נִישְׁט צוּ זֵיי קַיין הוֹיכֶע זַאכְן; עֲבוֹדוֹת פוּן צַדִיקִים פוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים. רֶעד צוּ זֵיי דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, דִי פָּשׁוּטְ'עֶ וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל וֶוען מֶען זָאגְט אַרוֹיס פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער: "אִיךְ וִויל זַיין גוּט", "אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט", "אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה", וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחוּקוֹתַי) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחְמָנוּת.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן טְשֶׁעפֶּען אַ חַבֵר; וַוייל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין, אָבֶּער עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ - אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ (יוֹמָא פה:), אוֹיבּ מֶען טוּט וֵויי אַ צְוֵוייטְן הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה נָאר מֶען מוּז יֶענֶעם אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן יֶענֶער דַארְף מוֹחֵל זַיין.

זָאלְסְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַ חַבֵר אוּן נִישְׁט לַאכְן פוּן אַ חַבֵר; קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער אוּן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי דֶערְפוּן וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט, אוּן אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט קֶענֶען זֵיי נִכְשָׁל וֶוערְן אִין פַארְשֶׁעמֶען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ אוּן אַלֶעס אִיז דֶער מְלַמֵד שׁוּלְדִיג, וַוייל מֶען רֶעדְט נִישְׁט גֶענוּג פוּן דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דִי עֲבֵירָה.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בְּלָאזְן שׁוֹפָר, וִוי דֶער שָׂטָן וֶוערְט דֶערְפוּן צֶעטוּמְלְט אוּן צֶעמִישְׁט; אַ גַאנְץ יָאר גְרֵייט עֶר זִיךְ אָן פֶּעק אוּן זֶעק פוּן עֲבֵירוֹת, עֶר וַוארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ קוּמֶען טַעֲנָה'עֶן קֶעגְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר וֶוערְט עֶר אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר מֵיינְט אַז מָשִׁיחַ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן מֶען גֵייט אִים שׁוֹין שֶׁחְטְ'ן - לוֹיפְט עֶר אַוֶועק, עֶר לוֹיפְט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וָואס צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער אָבֶּער דִי פָּאר פּוּנְקְטְן זֶענֶען זֵייעֶר וִויכְטִיג; דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט, דִי קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ גְלַייךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# א ווארט צוויי

זאצן וואס
פארדינען
שטרעכלעך

בלעטל שטאב

## באבל'דיגע שמחה

"איך האב א לאנגע צייט פרובירט צו אויסגעפינען וואס איז פשט, אז איך זע מענטשן וואס לעבן אן א צדיק, זיי נעמען נישט קיין שום התחזקות פון קיינעם, זיי גייען און קומען, און זיי קוקן אויס פרייליך, פון וואו נעמען זיי חיזוק צו זיין פרייליך?

עס האט מיר גענומען א לאנגע צייט צו כאפן אז די מענטשן לעבן אין א גרויסע באבל, זיי זענען אנגעדרייט אז איך גיי עס מאכן, איך האב עס, איך בין עס, ביי פאר... כבוד, געלט, אלעס גיי איך ריטשן. אבער ווען עס גייט דורך יארן און זיי עלטערן זיך (מען האט עס שוין היינט אנגעקליידט אינעם געפאלישטן נאמען "מידלייף קרייסעס") און זיי האלטן זיך אין איין פרעגן: 'וואו בין איך? וואס האב איך? וואו שטרעב איך?' און דעמאלטס טראסקעט די גאנצע פרייליכקייט מיט אזא זעץ, און דעמאלטס דארף מען שוין האבן די כוחות און פרישע ענערגיע צו וועלן זוכן די אמת'ע תכלית און חיזוק מיט ליכט...

שכח אייבערשטער אז דער ראש ישיבה קראכט שוין אונזער באבל ווען מיר זענען גאר יונג, און מיר קענען זיין 'באמת' פרייליך מיט 'אמת'דיגע' זאכן!..."

**(שיחת חברים מיט אנ"ש)**

## קולות ווערסעס גוט מארגן

"ווען מען האט געפרעגט דעם בחור: "וויאזוי מאכסטו עס, וויאזוי נעמסטו עס אן אזוי גרינג ווען דיין מאמע באזידלט דיר מיט קולי קולות?" האט ער געענטפערט: "איך טראכט אלץ צו זיך אז עס איז מיר ענדערש די קולות פון מיין מאמע ווי די שמייכל'דיגע גוט מארגן פון די נורס אין שפיטאל"..."

**(ר' יואל טייטלבוים - נייעס מיט יקותיאל)**

## ווילאנג מען לאזט זיי קינדער

"עלטערן און מלמדים פרעגן אלץ די באקאנטע פראגע: "ווען גייען שוין די קינדער גלייך פאלגן, איינזיצן, און אלעס זאל קלאפן?" די ענטפער איז: "קיינמאל נישט!" מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן זיי גרויס ווערן און דעמאלט וועט מען אנהייבן זען, אבער ווילאנג זיי זענען קינדער - און מען לאזט זיי קינדער, מען שלעפט זיי נישט איין מיט מעדעצינען - וועט מען זיי קענען מחנך זיין, דאס טוט מען יא, און דאס טוט מען נישט..."

**(ר' מרדכי אינדיג - וואס טוט זיך אין חדר)**

## דער ראש ישיבה האט געזאגט

### דער שוטה'ס שלום בית

"שלום בית איז זייער גרינג צו האבן, ווען מען שטעלט צוזאם א שוטה מיט א שוטה... א גלוגער מענטש, ער ווייסט וואס ער וויל, ער האט א פונקטליכע דעה, וויאזוי קען ער האבן שלום בית? איך וויל דאך אזוי, און ער/זי וויל אזוי?

נאר אז מען האט דעם רבי'ן וואס דערמאנט צו זיין א ותרן אין שטוב קען מען האבן שלום בית..."

**(שיעור סיפורי מעשיות**
**שבת פ' שופטים, רחוב ירושלים)**

# געדאנקען

## די אומבאצאלטע אנגעזעצטע גע'גנב'עטע
## Summer האום

ע ס איז געווען שיינע הערליכע נושאים ביים סעודת ראש חודש זונטאג פרשת שופטים.

דארף מען זיצן ביי די סעודה מיט א שטריימל אויפ'ן קאפ?

און וואס איז ווען דאס אינגל קומט אהיים פון סווימינג פול מיט די פאות אונטער'ן אויער?

וואס איז בנוגע שלאפן מיט נאכט קליידער?

און וואס מיינט א בחור א מצוין?

וואס טוט מען מיט א בחור וואס האלט אלעמאל ביי זיך א צינדער? א סיגערעט לייטער?

ווען איז א מעלה אז מען האלט די מויל פארמאכט? אז מען האט א נאטור פון נישט זיין קאנפידענט צו עפענען דאס מויל? אדער אז מען האט יא די קאנפידענס, נאר מען שווייגט ווען ס'איז ריכטיג צו שווייגן?

וואו וואקסן קינדער געזונטער? אין די שמאלע ברוקלינער קארידארן? אדער אין די ברייטע אפסטעיט אין די שויס פון נאטור?

וועלכע מענטשן זענען מער HANDY? די סיטי מענטשן? אדער אפסטעיט מענטשן?

צו דארף א בחור גיין מיט די ציצית העכער'ן העמד?

און צו דארף א אינגערמאן נישט גיין מיט די ציצית אינדרויסן?

און אויב א אינגערמאן דארף נישט, פון ווען הייסט מען א אינגערמאן לגבי דין זה?

וואס טוט מען אז דער טאטע זוימט זיך לאנג אין מקוה ווייל ער מוז וויסן וואו עס האלט די מלחמה אין אוקריינע און ווען זיין זון JOIN'ט די שמועס פילט ער ווי מען האט אינוואדירט זיין רואיגקייט ווינקל?

און וואס איז ווען דער טאטע וויל זיצן ביי די סעודה "לופטיג", אן א שטריימל אויפ'ן קאפ, און ווען זיין בא'חן'דלטער דרייצן יעריגער בר מצוה בחור ווערט אויך לופטיג און טוט אויס דעם קאפעליטש און דער טאטע קען עס נישט פארנעמען, ווי איז דעמאלטס דער דין?

מען האט אויך גערעדט פון די נושא פון "אוועקגיין פון היכל הקודש", און וואס מיינט אוועקגיין פון היכל הקודש? אז ביז יעצט האט ער געהערט דרשות אז מען דארף רעדן שיין צו א ווייב און יעצט גייט ער אנהייבן שרייען אויף איר? ביז יעצט האט ער געהערט דרשות אז מען דארף מעביר סדרה זיין, און יעצט גייט ער מער נישט מעביר סדרה זיין?

מען האט גערעדט פון די וואוקס פון די תלמידים בליעה"ר, אז די נייע שטאק אין טשעסטנאט מיט די ניין קלאסן וועט קלעקן בלויז אויף די קומענדיגע צוויי יאר, און אין יאר תשפ"ח וועט מען פריש מוזן האבן צענדליגער נייע קלאסן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט ווער עס וועט פאנדרעיזן די מיליאן דאלער פאר די נייע שטאק העכער 39 טשעסטנאט סטריט, און אויסגערימט זייער פאנדרעיזינג פעיגקייטן, אז זיי גייען מיט א גוטן מהלך, און דעליווערן די נויטיגע געלטער בע"ה.

ביי די שמועס האט מען אויסגע'חשבון'ט אז אין צען יאר ארום וועט לכאורה זיין צוויי הונדערט חתונות פון די יעצטיגע קליינע תלמוד תורה קינדער.

למעשה וואס טוט מען מיט די פאות אונטער'ן אויער נאכ'ן שווימען? דער ראש ישיבה האט געזאגט ווי אזוי ער פירט זיך לגבי דעם.

און וואס איז מיט זיצן מיט'ן שטריימל אויפ'ן קאפ?

און וואס איז מיט דערקוטשען די קינדער אויף זאכן וואס דער טאטע איז נישט דערביי מיט אן אמת, ס'איז עפעס א מין שפיל פון צייגן אז איך האב א בחור א מצוין?

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אויב דער טאטע שפילט א שפיל, וועלן די קינדער עס כאפן, און אין א צען יאר שפעטער קען די גאנצע חינוך "שפיל" צופאלן ווי א זייפן בלאז, די קינדער קענען ווערן אפגעקילט אין אידישקייט אויב זיי פילן אז די חינוך איז FAKE. און אויב דער טאטע מיינט עפעס מיט אן ערנסטקייט פילן עס די קינדער, און זיי וועלן עס האלטן מיט פייער ביז'ן לעצטן אטעם.

מען האט אויך גערעדט פון די נסיעה קיין אומאן, וועלכע טרעין איז בעסער? די שלאפעדיגע? אדער די זיצעדיגע?

מען האט גערעדט פון נייע שטובער וואס מען גייט בויען אין אומאן, אנשטאט פארדינגען גייט מען עס פארקויפן.

מען האט אויך גערעדט וועגן טעראפיסטן. דער ראש ישיבה האט דערציילט אז א טערעפיסט האט אים פארגעהאלטן פארוואס ער האקט קעגן טערעפיסטן, האט אים דער ראש ישיבה געענטפערט: "איך האק אויף טערעפיסטן? איך זאג נאר פאר מענטשן וואס מען זאל טון נאכ'ן גיין א יאר צייט צו א טערעפיסט און נישט געווארן געהאלפן....."

דער ראש ישיבה האט געזאגט וואס איז פשט אז מען נעמט שלום בית עצות פון א טערעפיסט וואס קען אליינס נישט זיך אן עצה געבן מיט זיין ווייב? וואס איז פשט פון נעמען PARENTING לעקציעס פון א פופציג יעריג מיידל וואס האט נישט חתונה געהאט און האט נישט קיין קינדער? זי גייט מיר זאגן וואס PARENTING איז?

עס שטייט אין קונטרס אשית עצות בנפשי (קונטרס ס"ד, פרשת ואתחנן תשפ"ד, סעודת ראש חודש תמוז תשפ"ד) אז מענטשן

> וואס איז פשט אז מען נעמט שלום בית עצות פון א טערעפיסט וואס קען אליינס נישט זיך אן עצה געבן מיט זיין ווייב?
>
> וואס איז פשט פון נעמען parenting לעקציעס פון א פופציג יעריג מיידל וואס האט נישט חתונה געהאט און האט נישט קיין קינדער? זי גייט מיר זאגן וואס parenting איז?

טענה'ן פארוואס דארף מען לאכן פון טערעפיסטן? און זיי זענען געראכט, ווייל מען מוז געבן פאר א מענטש עפעס צו טון וועגן זאכן וואס ערליידט, און הלואי וואלטן זיי געוואוסט פון רבי'ן, וואלט זיי געווען גרינגער צו נעמען די שווועריגקייטן אין לעבן. אז מען נעמט דעם רבי'נס טערעפי איז די גאנצע לעבן אנדערש.

דעם רבי'נס טערעפי גייט בעיקר מיט דריי STEPS.

די ערשטע STEP איז רעדן צום אייבערשטן, הייליגער באשעפער איך וויל זיין גוט.

די צווייטע STEP איז זאגן משניות יעדן טאג.

די דריטע סטעפ איז רעדן שיין מיט דרך ארץ און איידלקייט צו די ווייב און קינדער.

די תורה STEP, ווערט דערמאנט אויך אין אור החיים הקדוש די וואך, ואם לא קרוב אחיך, אויב א איד פילט אז ער פאלט אונטער, זיין אמונה איז אויסגעלאשן, און זיין הארץ ווערט מער דערוווייטערט פון דעם אייבערשטן, איז דא א HEALING אויף דעם, ואספתו אל תוך ביתך, לויף אריין אין שול, מאך אויף א גמרא, וועסטו נישט פילן ווייט, וועסט פילן אז דער אייבערשטער איז דא.

דער הייליגער ייטב לב זאגט די וואך, אז אויב דו וועסט דיך מתגבר זיין אויף א קליין שטיקל יצר הרע, וועסטו דערנאך זיך קענען מתגבר זיין אויף דיין גאנצע יצר הרע, ווייל ס'שטייט אין חושן משפט סימן קצ"ה, ביי די דין פון קונה זיין א חפץ דורך "חליפין" (חליפין איז טייטש "אויסטויש", אדער BARTER, ראובן געבט פאר שמעון א ראלעקס זייגער, אז שמעון'ס אומבאצאלטע אנגעזעצטע גע'גנב'עטע גע'LEAN'טע "שיינער-איד-SUMMER-האום" אין די קעטסקילס זאל ווערן ראובן'ס). שטייט דארט אין חושן משפט אז אפילו שמעון כאפט נאר אן א קליין חלק פון די ראלעקס זייגער, הייסט עס שוין חליפין, כאטשיג ער האלט נישט די גאנצע, די זעלבע זאך כאטשיג מען האט נאכנישט געווינען די גאנצע יצר הרע, נאר א קליין חלק, אבער דאס וועט דיך ברענגען צו געווינען דיין גאנצע יצר הרע, הייב נאר אן מיט א קליין ביסל.

דאס איז פשט אין פסוק, זאגט דער ייטב לב, "כי תצא למלחמה", די הייב נאר אן די מלחמה מיט'ן יצר הרע, "ונתנו השם אלקיך בידיך", דער אייבערשטער וועט שוין מאכן אז דיין גאנצע יצר הרע וועסטו אים האבן אין די האנט, אזוי ווי מען כאפט א קליין מוריטשקע און מען געבט עס א טויט אויפ'ן ארט, אזוי וועסטו ארלעדיגן דיין יצר הרע, דארפסט נאר אנהייבן מיט א קליין ביסל.



# א מעשה פון א צדיק

## יְשׁוּעוֹת בַּיי רֶבִּי יְשַׁעְ׳לֶע

אֵין אֵיינֶע פוּן דִי שְׁטַאטְן אִין אַמֶערִיקֶע, אִיז גֶעוֶוען אַ קְהִילָה מֶער אוֹיף דִי מָאדֶערְן סְטייל. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז זֵייעֶר רָב אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפִיל בֶּעסֶער פוּן זֵיי, אָבֶער אוֹיף עִקְרֵי הַדָּת הָאט דֶער רָב יָא שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן.

דֶער רָב הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים. אֵיין טָאג קוּמְט דִי טָאכְטֶער אַהֵיים אוּן רוּפְט זִיךְ אָן צוּ דִי עֶלְטֶערְן: "אִיךְ הָאבּ מִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן מִיט אַ גוֹי אוּן מִיר הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט אַז מִיר גֵייעֶן חֲתוּנָה הָאבְּן (רַחֲמָנָא לִיצְלָן) מֶען הָאט שׁוֹין בַּאשְׁטֶעטִיגְט אַ זְמַן חֲתוּנָה אִין חוֹדֶשׁ יוּנִי June לְמִסְפָּרָם".

וֶוען דֶער רָב מִיט זַיין וַוייבּ הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן אוֹיס מֶענְטְשׁ, אֱמֶת זֵיי זֶענֶען מָאדֶערְן אָבֶער אִידְן זֶענֶען זֵיי אוּן דָאס זֶענֶען זֵיי נִישְׁט מַסְכִּים אַז זֵייעֶר אֵייגֶען קִינְד זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ גוֹי טָמֵא. דִי טָאכְטֶער אִיז אָבֶער לֵיידֶער וֵויינִיג אָנְגֶעגַאנְגֶען דִי צַעַר פוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן.

עֶס וֶוערְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ דִי זְמַן הַחֲתוּנָה אוּן דִי טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן מִיט זִיךְ, זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט אוֹיף זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע גוֹרָל.

אֵיין טָאג הָאבְּן זֵיי זִיךְ בַּאגֶעגֶענְט מִיט אֵיינֶע פוּן דִי אֵיינִיקְלֶער פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יְשַׁעְיִ'לֶע קֶערֶעסְטִירֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זֵיי הָאבְּן דֶערְצֵיילְט פַאר דֶעם אֵיינִיקְל זֵייעֶר בִּיטֶערֶע מַזָל אוּן דִי שְׁוֶוערֶע שְׁטֵיין וָואס לִיגְט זֵיי אוֹיפְן הַארְץ וִוי זֵיי הַאלְטְן עֶס נִישְׁט אוֹיס אוּן זֵיי פִילְן מַמֶשׁ מְיוּאָשׁ, אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט צוּ עֶר הָאט עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר זֵיי.

הָאט דֶער אֵיינִיקְל זֵיי גֶעזָאגְט: "זָאלְסְט וִויסְן אָז אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גָאר אַ גְרוֹיסֶער זֵיידֶע רֶבִּי יְשַׁעְיִ'לֶע קֶערֶעסְטִירֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן עֶס גֵייט בַּאלְד זַיין דִי יָארְצַייט - ג' אִיָּיר אוּן אִיךְ פָאר קֵיין קֶערֶעסְטִיר צוּ זַיין צִיּוּן, נוּ! אֶפְשָׁר קוּמְט אִיר מִיט, בַּיי אַ קֵבֶר פוּן אַ צַדִּיק קֶען מֶען פּוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת".

דִי טַאטֶע אוּן דִי מַאמֶע טְרַאכְטְן צוּ זִיךְ וָואס הָאבְּן אוּנְז צוּ דֶערְלֵייגְן. אוּן זֵיי זָאגְן פַאר דֶעם אֵיינִיקְל: "פַיין מִיר קוּמֶען מִיט". נָאכְן לַאנְגְן וֶועג זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן, אוּן דִי טַאטֶע מִיט דִי מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען זָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִילִים, אוּן צְוִוישְׁן יֶעדֶע קַאפִּיטְל הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זֵייעֶר צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, מַסְבִּיר זַיין וִוי אַ קְלֵיין קִינְד זֵייעֶר צָרָה, אוּן וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז פַאר זֵיי, אוּן נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער קֶען זֵיי הֶעלְפְן.

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי צוּרִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן קַיין אַמֶערִיקֶע הָאפֶענְדִיג אוֹיפְן בֶּעסְטְן. אָנְקוּמֶענְדִיג אִין לוּפְטְפֶעלְד וַוארְט זֵיי אָפּ דִי טָאכְטֶער זִי לוֹיפְט זֵיי אַנְטְקֶעגְן אוּן זִי שְׁרַייט: "אִיךְ וִויל שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען דֶעם גוֹי טָמֵא וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ כַּלָה מִיט אִים". דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט וָואס הָאט דָא פַּאסִירְט, זִי אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט אִיר מֵיינוּנְג! זֵיי פְרֶעגְן אִיר: "וָואס אִיז דָא גֶעשֶׁען?" הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן: "דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט בִּין אִיךְ אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים קוֹיפְן קְלֵיידֶער פַאר דִי חֲתוּנָה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס גֶעהַאט נָאר אַ פָאר שִׁיךְ הָאט מִיר גֶעפֶעלְט, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים קוֹיפְן שִׁיךְ. לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר דִי שִׁיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְן. אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מִיט אִים פַארְבְּרֶענְגְט צוּ זוּכְן שִׁיךְ כִּמְעַט אַ גַאנְצְן טָאג.

סוֹף טָאג הָאט אִים דִי סַבְלָנוּת גֶעפְּלַאצְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר שְׁמוּצִיגֶע וֶוערְטֶער, מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן שֶׁעלְטְן מִיט וֶוערְטֶער וָואס נָאר אַ גוֹי קֶען. הָאבּ אִיךְ מִיר גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אַז אוֹיבּ יֶעצְט נָאךְ פַאר דִי חֲתוּנָה שְׁרַייט עֶר אַזוֹי אוֹיף מִיר, נוּ! וִוי אַזוֹי וֶועט אוֹיסְזֶען נָאכְן חֲתוּנָה? אַוַודַאי אַסַאךְ עֶרְגֶער! הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט פַאר מִיר אוּן אִיךְ בִּין אַנְטְלָאפְן פוּן אִים".

דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי גֶעפְרֵיידְט אוּן אַיינְגֶעזֶען דִי כֹּחַ פוּן תְּפִילָה, אוּן בִּפְרַט בַּיי אַ קֵבֶר פוּן אַ צַדִּיק וָואס אִין דֶעם זְכוּת אִיז זֵייעֶר טָאכְטֶער גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אַרַיינְפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט: עֶס אִיז דָא אַ תְּפִילָה וָואס אִיז נִישְׁט מְסוּגָל צוּ וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אָבֶער אַז מֶען בֶּעט דִי תְּפִילָה בַּיי אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק דֶעמָאלְט וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּפִילוֹת אִינֶעם זְכוּת פוּנֶעם צַדִּיק. אִינֶעם זְכוּת פוּנֶעם צַדִּיק אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַלֶע יְשׁוּעוֹת בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

**(שיחות מוהרא"ש חלק טו' ערך קברי צדיקים)**







# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קל"א

### פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

**אִין יֶענֶעם וִוינְטֶער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֵיינְמָאל אִין אַ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאךְ קִידוּשׁ דֶערְצֵיילְט אַ חָלוֹם וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען. שְׁפֶּעטֶער, הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט נָאךְ אַ חָלוֹם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט.**

פַאר שָׁבוּעוֹת, אִיז הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִחְמֶעלְנִיק זי"ע אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַ בַּאזוּךְ, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס מְחוּתָּן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן צוּגְרֵייטְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה פַאר אִים, אוּן דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה. דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן, "אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען, אוּן אִיר זָאלְט דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר אַייעֶרע קִינְדֶער".

אֵיינֶער אִיז גֶעלִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן אַרוּם אִים אִיז גֶעזֶעסְן אַ רִינְג, אַרוּם דֶעם רִינְג אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ רִינְג, אוּן אַרוּם יֶענֶעם רִינְג אִיז גֶעזֶעסְן נָאךְ אַ רִינְג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַסַאךְ רִינְגֶען. אוּן אַרוּם דִי אַלֶע רִינְגֶען זֶענֶען גֶעזֶעסְן נָאךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אָן קַיין סֵדֶר.

דֶער וָואס אִיז גֶעזֶעסְן אִינְמִיטְן [עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אָנְגֶעלַיינְט אוֹיף דִי זַייט], הָאט עֶפֶּעס גֶעמַאכְט מִיט דִי לִיפְּן, אוּן אַלֶע אַרוּם אִים הָאבְּן אוֹיךְ נָאכְגֶעמַאכְט דִי זֶעלְבֶּע מִיט דִי לִיפְּן.

דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דֶער מִיטְלְסְטֶער אִיז מֶער נִישְׁטָא, אוּן דִי אַלֶע אַרוּמִיגֶע הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן מִיט דִי לִיפְּן. הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט וָואס דָאס מֵיינְט, הָאט מֶען מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז קַאלְט גֶעוָוארְן אוּן אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעדְן, הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעדְן.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי אַלֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן לוֹיפְן, אִיךְ בִּין זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן אוּן גֶעזֶען צְוֵויי פַּאלַאצְן, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע גֶעבֵּיידֶעס, אוּן דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי מִינִיסְטָארְן. דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעלָאפְן צוּ דִי מִינִיסְטָארְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַעֲנֶה'ען מִיט זֵיי, "פַארְוָואס הָאט אִיר אוּנְז פַארְנַארְט?", אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען דִי מִינִיסְטָארְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי מִינִיסְטָארְן, אוּן זֵיי זֶענֶען מִיר זֵייעֶר גֶעפָאלְן, אוּן אִיךְ בִּין זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן אוּן גֶעזֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס אַ שֵׁיינֶע גֶעצֶעלְט, אוּן פוּן דָארְט הָאט מֶען גֶעשְׁרִיגְן צוּ דִי מִינִיסְטָארְן, "גֵייט צוּרִיק! בֶּעטְס אַלֶע אַייעֶרע זְכוּתִים וָואס אִיר הָאט, נֶעמְט דָאס אִין דִי הֶענְט אוּן גֵייט צוּם לִיכְט וָואס הֶענְגְט דָארְט, אוּן דָארְט וֶועט אִיר פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט!"

זֵיי זֶענֶען טַאקֶע צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אוּן בַּאקוּמֶען זֵייעֶרע זְכוּתִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט בִּינְטְלֶעךְ מִיט זְכוּתִים, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעלָאפְן צוּ דִי לִיכְט. אִיךְ בִּין זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן אוּן גֶעזֶען וִוי אַ לִיכְט בְּרֶענְט אִין דִי לוּפְט. דִי מִינִיסְטָארְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דִי זְכוּתִים אִינֶעם לִיכְט, עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּנֶעם לִיכְט פוּנְקֶען אַרַיין אִין זֵייעֶר מוֹיל, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דִי לִיכְט זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט

פוּנֶעם לִיכְט אִיז גֶעוָוארְן אַ טַייךְ, אַלֶע הָאבְּן גֶעטְרִינְקֶען פוּנֶעם טַייךְ, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן אִין זֵייעֶר בּוֹיךְ, אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן זֶענֶען דִי בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזֶען לוֹיפְן אוּן קוּמֶען, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מֶענְטְשְׁן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין מִין חַיָה, נָאר בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ אוּמְצוּקֶערְן צוּ זֵייעֶר פְּלַאץ, זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט, "וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר צוּרִיק אַהֵיימְגֵיין?", הָאט זִיךְ אֵיינֶער אָנְגֶערוּפְן, "מִיר וֶועלְן שִׁיקְן צוּ דֶעם וָואס שְׁטֵייט דָארְט אוּן הַאלְט אַ שְׁוֶוערְד פוּן דִי הִימְל בִּיז דֶער עֶרְד!", הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט, "וֶועמֶען וֶועלְן מִיר שִׁיקְן?", אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן צוּ שִׁיקְן דִי בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# קוק אהער

## דעם רבינ'ס בענקל

איך האב שוין אמאל פארציילט דא די מעשה פון דעם שבת וואס אונז האבן געגעסן די סעודה אויפן פלאר?

ניין?

אההה ס'איז א גוטע מעשה!

גייט די מעשה אזוי. איך האב שוין מיין מעבל - מיין טיש און בענקלעך זייט מיין חתונה ב"ה, איך האב עס באקומען נאך מיין חתונה אין מיין ערשטע דירה אין מאנסי אויף די סאוט מירטל גאס און דארט האט זיך אנגעהויבן איר דשורני'...

אין די פיצקעלע חתן כלה דירה, דארט ביים עק מאנסי, ביים גרעניץ מיט מעקסיקא - כ'מיין מיט די מעקסיקאנער.... דארט אינעם פיצי דירה האבן מיר אריינגעקוועטשט די גאנצע פורניטשור פעקעדזש וואס איז באשטאנען פון א גרויסע רעבישע טיש מיט אכט בענקלעך, צוויי פון זיי מיט ארעמעס, פארשטייט זיך פאר די טאטע מאמע... א גרויסן זילבער שאנק פאר די דריי בעכערס וואס מיר האבן פארמאגט. און אזוי ווי מיר האבן אויך געוואונען א בעדרום סעט האט דער סוחר אונז געגעבן א ספרים שאנק בחנם!

נאך פיל סטראטעגיע איז אונז געלונגען ארייננצושטופן דעם גאנצן לאסט אינעם ד' על ד' מיטן שיפן דאך וואס דער לענדלארד האט א נאמען געגעבן 'דיינינג רום...'

אבער.... די זאך איז געווען אז פאר די מעבל האט מען טאקע אויסגעפונען אז ס'זאל גוט אריינשטימען ממש ווי א פאזל... אבער פאר די מענטשן איז שוין קיין פלאץ נישט געבליבן!

איז וואס האמיר געטון?

יעדעס מאל מ'האט געוואלט דורכגיין, האט מען געגעבן א געזונטע אטעם אריין און אזוי האט מען געהאלטן די אטעם אינעווייניג ביז מ'איז אנגעקומען על מקומו בשלום.

אבער איך קען מיך נישט אפרעדן, איך האב געהאט א איינס א האלב בעדרום פאר אונטער טויזנט דאלער א חודש וואס מיט מיין כולל געהאלט און מיט די געלט פון מיין ווייב'ס ארבעט האבן מיר מיט רחמים זיך עטוואס געקענט דעקן.

אזוי איז אריבער א יאר פון אסאך אריין אטעמען און זיך דורכקוועטשן די ריזיגע באמבאסטישע מעבל שטיקער. ביז מיר האבן שוין געשפירט אז עד כאן, יא, פיין און וואויל, גוט ביליג רענט, אבער אלעס האט א פרייז, דערפאר דארף איך וואוינען אין א קליין לעכל ארומגענומען מיט פאַבלאָ, אמיגאָ און דיעגא...

ס'איז אריבער א יאר און ס'איז געקומען די צייט, ויסעו... מיר האבן געטראפן א פריוואטע הויז ביים ווינקל פון עליש און ווינסענט, ממש אויף סוזען לעיק. א איין שטאקיגע פארעלטערטע הויז אבער גרויס מיט הרחבה, דריי בעדרומס, א גרויסן דיינינג רום, א פלאץ צו קענען לייגן א קאוטש און נאך פלאץ צו קענען אטעמען.

ס'איז טאקע געווען א ווילדע מציאה פאר ממש שפאט ביליג, אבער ס'איז אויך געקומען מיט א פרייז...

ס'איז געווען אאאאאאאאלט און פארכמורעט, די מענטשן וואס האבן דארט געוואוינט פאר מיר, האבן געלעבט אזוי.... וואס זאל איך אייך זאגן... ווען איך בין געקומען קוקן דעם הויז אויף א מיטוואך איז נאך די הבדלה מיט די בשמים געלעגן אויסגעגאסן אויפן טיש אין קאך....

שוין, מיר האבן געסיינט קאנטראקט און מיין חבר האט מיר געזאגט אז ער האט א גוי... א כל בו!

דאס ערשטע האבן מיר געדארפט אראפקראצן די אלטע פארשימלטע טינקל בלויע וואלפעיפער פון וואנט וואס האט הערליך שיין באצירט דעם קאך און דיינינג רום....

דערנאך איז געקומען די רייע פאר די קארפעט וואס מ'האט אינסטאלירט לכאורה נאך ווען אמעריקע האט באלאנגט צו ענגלאנד... אבער צו אונזער פרייד האט זיך אונטער דעם פארשמירטן שטויביגן קארפעט אנטדעקט פארקעי' פלארינג! א ישועה!

ביים קאך האט דער גוי איינגעהאנדלט אין האום דיפאו טיילס וואס מ'קען ארויפקלעבן ווי א סטיקער, ס'איז

## דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



געפארן טיילס אהין און אהער. אבער איך קען נישט קאמפלעינען ס'איז דאך בעסער פון וואס ס'איז געווען דארט פארדעם...

די טונקעלע ברוינע שענק אין קאך האבן מיר פשוט איבערגעפארבט אויף ווייס, און אזוי האבן מיר זיך אריינגעצויגן אין א איבערגעפרישטע ברייטע גרויסע דריי בעדרום דירה אין הארץ פון מאנסי! מיינע שיינע דיינינג רום בענקלעך האבן געטראפן זייער נייע גרויסע באקוועמע דירה.

אבער זארגט נישט, צו לאנג זענען די בענקלעך נישט רואיג געזיצן... א יאר איז אריבער און מיר פאקן זיך ווידער צאם, אבער דאסמאל נישט אויף א גאס צוויי וועק, נאר די בענקלעך גייען יעצט גיין אויף א לאנגע שיף רייזע קיין לאנדאן!

אויפן וועבזייטל וואו איך האב געטראפן די דירה, איז קלאר און שיין געשטאנען אז דא רעדט זיך פון א צוויי אהאלב בעדרום דירה אויפן ערשטן שטאק, נאך מיט א שטיקל גארטן פון אונטן די אפארטמענט בילדינג וואס רופט זיך 'קארלטאן מענשענס'.

אבער נאכן זיך וואלגערן פאר א חודש צוויי ביז מיר זענען אנגעקומען צו 'אונזער דירה' זעמיר געוואויר געווארן אז ניין, בכלל נישט... אונזער דירה איז אויפן פערטן שטאק אין א בנין אן א עלעוועיטער און מיר האבן באקומען א איינס אהאלב בעדרום בערך אזוי גרויס ווי אונזער ערשטע דירה!

גם זו לטובה! אנהייבן זוכן יעצט א נייע דירה נאכן שוין סיינען קאנטראקט און נאכן ארומלויפן ווי א האן נאכן שחיטה זוכן אן עָרב פאר רענט, בלייב מיר דא, איך גיי שוין נישט אין ערגעץ. בינו לבינו האט די גרויסע שיף וואס טראגט אונזער מעבל מיט די אכט בענקלעך שוין געאנקערט אין ענגלאנד און יעצט האמיר געטראפן א איד מיט א טראק פאר גאר ביליג וואס ער וועט טראגן ברענגען און שלעפן...

ס'איז געווען אויף אן ערב שבת ווען די פילע הצלחה באקסעס האבן באשיינט די לאנדענע גאסן, אונזער פעק און זעק איז דא, די גלות פון זיך וואלגערן קומט שוין צו אן ענדע.

שכח אייבערשטער אז מיר האבן שוין אויסגעארבעט די גאנצע איינאטעמען סיסטעם, די בענקלעך ליגן שוין אלע ארום די טיש, און פאר די קומענדיגע צוויי יאר האבן מיר זיך גענומען אריינאטעמען צו קענען זיצן אויף די שיינע בענקלעך.

פון דא און דארט הענגט שוין עפעס א שטיקל סחורה. די הענטל פונעם ארעם בעקל מאכט שוין קולות אביסל, אבער נאכאלס שיינע געשמאקע בענקלעך.

צוויי יאר איז גאר שנעל אריבער און באוויזן האט זיך א אייגן פריוואטע הויז צו פארדינגען אינעם טאטענעם געגנט פאר אן אומדערהערטן פרייז! דער לענדלארד איז א גוי, די הויז איז א ירושה פון זיין מאמע, ער ווייסט גארנישט אז די הויז געפונט זיך אינעם הארץ פון אידישן געגנט און איז ווערד א פעטן פרייז... ער בעט די מארקעט וועליו פרייז - שכח אייבערשטער!

דאס מאל האבן מיר שוין נישט גענומען א איד מיט א טראק... נאר א געהעריגע היימישע מאווינג קאמפאני וואס האט אלעס געשלעפט און געברענגט, צונומען און צוריק אויפגעשטעלט, ארום גענומען די בענקלעך אזוי ווארעם מיט ליבשאפט אין א בלענקעט און זיי געשלעפט צו זייער פערטן וואוינארט.

א שיינער דיינינג רום, די בענקלעך פיטן א מחיה, מ'ברויך שוין נישט איינציען די אטעם ביז די נשמה פליט ארויס צו קענען זיך אריינזעצן...

דריי יאר זענען די בענקלעך געשטאנען ווי סאלדאטן אין מיין דיינינג רום זיך

צושטעלנדיג אלע שבתים און ימים טובים צו די משפחה און די געסט... און שפעטער אוודאי האבן די בענקלעך געטראגן דעם גרויסן כיבוד פון אנטייל נעמען אין די חבורת היכל הקודש פארברענגען...

אזוי האבן זיך די בענקלעך געעלטערט אין פריידן פאר נאך דריי יאר. ביז זיי זענען נאכאמאל ווי די זעלבע מאָווערס פון דריי יאר צוריק זענען דא מיט א פרישקייט, זיי קומען באוואפנט מיט טעיפ באקסעס און אלע קלאפער געצייג צוזאמען צופאקן דעם הויז.

אבער דאסמאל אנשטאט ווערן שיין איינגעוויקלט אין א בלענקעט געבט מען זיי קאלטערהייט א פאק אריין אין א גרויסן באקס און טעיפ צו, דאס איז יעצט זייער נייע הויז פאר די קומענדיגע אכט ניין וואכן.

זיי שמעקן שוין די וואסער צוריק ארויף אויפן שיף, מ'גייט צוריק קיין אמעריקע, אבער דאסמאל נישט קיין מאנסי נאר קיין קרית ברסלב!

די שמחה איז גאר גרויס ווען נאכן מיטמאכן דעם לאנגן נסיעה ווערן זיי ענדליך אראפגעלאדנט פונעם טראק און אריין אינעם גרויסן שיינעם דיינינג רום.

איבער א יאר איז אריבער און די בענקלעך האבן זיך שוין ב"ה געעלטערט אין פריידן און אפגעדינט וואס זיי האבן געדארפט אפדינען. און קוקנדיג מיט א שנעלן בליק האבן מיר מחליט געווען - ס'איז צייט פאר נייע!

וואו קויפט מען גוטע בענקלעך פאר ביליג? איך האב אנגעהויבן זוכן פון אלע זייטן. ביז איך בין געוואויר געווארן פון א געשעפט אין טשיינעטאון וואס זיי פארקויפן הערליך שיינע בענקלעך פאר שפאט ביליג!

מיטוואך נאכמיטאג פארן מיר אראפ קיין טשיינעטאון און מיר זוכן אויף דעם געשעפטל, יא א שיין גרויס געשעפט מיט אן אויסוואל פון דא ביזן הימל, אלע סארט מאטריאל און קאלירן וואס דו ווילסט נאר...

און וואס קאסט?

$35 א בענקל! האט איר שוין אמאל געהערט אזא פרייז? ניין! שיינע היימישע אידישע בענקלעך פאר אזא פרייז, נישט דא וואס צו טראכטן אפילו, אכט בענקלעך אריין אין קאר און געשלאסן מקח!

איך לייג שיין אויס די הערליכע נייע בענקלעך ארום דעם טיש און מיר גייען עס באנייען לכבוד שבת קודש!

ס'איז פרייטאג צונאכטס אלע שטייען ארום דעם טיש מיט די נייע בענקלעך, איך מאך קידוש, אלע זענען שטיל, יעדער קען קוים ווארטן צו באנייען די נייע בענקלעך - מקדש השבת!

בָאָאָאָאָם!!!!

א גאנצע משפחה טרעפט מען זיך זיצן אויף דער ערד! און אזוי האבן מיר געפראוועט שבת אויף דער ערד... די בענקלעך האבן זיך געהאלטן פאר ווייניגער ווי פינף סעקונדעס...

נאך שבת לויף איך מיט איין בהלה צוריק צו טשיינעטאון, און מיט אזוינע קולות באוואוש איך דעם אלטן כינעזער גנב "האסט מיר פארקויפט בענקלעך ס'האט זיך געהאלטן פאר אונטער פינף סעקונדעס!"

דער גוי פרעגט מיר גראד: "וואס האסטו געטון מיט די בענקלעך?"

"וואס הייסט? איך האב זיך אוועקגעזעצט!"

אההה, דאס איז דיין טעות, די בענקלעך זענען נישט זיצן בענקלעך, דאס איז נאר פאר די בילד ס'זאל אויסקוקן שיין, אבער די בענקלעך קענען דיר נישט האלטן!

וואס קוקט אויס אויפן בילד מיינט נאך גארנישט, די 'יעדער איינער' בילד, די חלק פונעם ציבור בילד, ס'איז אלעס הערליך שיין באמת, אבער אויב קען עס דיר נישט האלטן ווען דו ווילסט דיך אראפזעצן, אויב ווען עס גייט אויף דיר איבער און דו שפירסט ווי דו ווערסט אויס, האסטו נישט קיין צדיק וואס זאל דיר אונטערהאלטן, וואס האסטו פונעם בענקל? וואס האסטו פונעם שיינעם בילד?

גיי יעדן טאג התבודדות און זיי דיך אליינס בודק, בין איך אויף א בענקל וואס האלט מיר? האב איך א צדיק וואס געבט מיר א וועג צו לעבן, וואס געבט מיר התחזקות? אדער דין איך א הערליכע שיינע בילד וואס די רגע וואס איך וויל מיך אויף דעם אראפזעצן און נעמען חיזוק פאלט עס גראד איין...

שכח אייבערשטער אז מיר האבן א פעסטע בענקל ווי צו זיצן. מיר האבן די עצות פונעם הייליגן רבי'ן. מיר האבן די התחזקות פון דער ראש ישיבה וואס געבט אונז לופט צו אטעמען. מיר זיצן אויף מעכטיגע שטארקע יסודות וואס ווער עס פאלגט דעם צדיק האט א זיסע לעבן!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

פאר די

# ברסלב'ע

שטוב




# אוי האט זיך עס געלוינט!

ש. טראכטער

פראיעקט ראש השנה תשפ"ו
חלק ב'
ש. טראבטער

די ווערד פון א פעני
ש. ל. פליישמאן

שהכל נהיה בדברו
ר. ל. ווייס

די פרייז פונעם (פאר)דינסט
ג. פעקעטע

רעספי
Peanut butter drumsticks chicken

ש. טראכטער



# אוי האט זיך עס געלוינט

מוצאי שבת פרשת שופטים 1:45 ביינאכט.

אין מערערע קארס דורכאויס די "ניו יארק טראוועי" זיצן אידישע משפחות מיט קינדער וואס וויינען פון מידקייט. דער איז נישט באקוועם און יענעם פעלט א שיך. איין קינד איז צודרוקט און נאך איינער שפירט ווי ער גייט ברעכן. "די מוזיק איז צו שטיל", רעדט זיך איינער אפ, "די מוזיק מאכט מיר טויב" טענה'ט די ברודער. "איך בין קאלט", "נע, איך גיי אויס פאר היץ."

"וואו איז מיין דעק?" שרייט די קליינע.

א גרויסע ציבור אידן האבן פארברענגט די "אונטערשטע" שבת פון די זומער וואכן אויף די בערג, נאך אריינגעכאפט אביסל פון די פרישע לופט אויף די בערג, פון די לופטיגקייט פון די זומער מצב, "נאך איין שבת און מיר גייען אהיים"... טשוויטשקען די פייגלעך פון די בערג. אט קומען שוין די הייליגע טעג און די זומער איז שוין אונטער אונז.

מוצאי שבת פרשת שופטים תשפ"ה.

די גאנצע קעטסקילס (די בערג ווי אידן אין אמעריקא פארברענגען אין די זומער וואכן (תמוז-אלול)) פאקט זיך צינד, דער עולם גרייט זיך אהיימצוגיין. אויך מיר פאקן זיך אריין אין קאר, מיט מידע, וויינעדיגע קינדער. פאר יעדן איז שווער זיך צו געזעגענען פון דעם זומער. וואקאציע איז נישט אזא שלעכטע זאך. עס איז געווען גאנץ געשמאק זיך צו לאזן לופטערן אביסל.

זיץ איך זיך אין קאר אויפ'ן וועג אהיים, בשעת די הינטערגרינט מוזיק זענען די מידע קינדערלעך, איינער לאכט און איינער וויינט פון מידקייט... און איך טראכט צו זיך, שכח אייבערשטער אז מיר האבן געהאט אזא הערליכע זומער וואקאציע. אזעלכע שיינע "וויקענדס" אין קרית ברסלב.

און איך וואונדער זיך נאכאמאל, "פארוואס האב איך זוכה געווען?"

איך דערמאן זיך צוריק צו די זומערס

פון יארן צוריק, ווען מיר פלעגן אויך זיצן מיט מידע און וויינעדיגע קינדער אין קאר נאכ'ן פארברענגען א טאג, וואך אדער מער אוועק פון שטוב. עס האט געקאסט שווערע געלטער, אסאך כח און מח, און צום סוף זענען די קינדער געווען אויסגעמוטשעט און זיך געקריגט און זיך אפגערעדט. (נישט אנדערש ווי יעצט...) און מיר, טאטע און מאמע, פלעגן זיך וואונדערן, "האט עס טאקע אויסגעפעלט? מיר טוען זיי טאקע א טובה?"

אבער מיר פלעגן זיך איבערשמועסן אין קאר און זאגן, "וואס טוט מען נישט פאר די קינדער? אמת, יעצט קריגן זיי זיך און עס זעט אויס ווי זיי זענען ניטאמאל מכיר טוב וואס מיר טוען, אבער למעשה וועט דאס בלייבן מיט זיי. די זכרונות וועלן זיי באגלייטן. און איך פלעג זיך דערמאנען מיט נאסטאלגיע ווי מיר זענען געפארן אלץ קינד און נאכאמאל זיך מחזק געווען אז, "יא, עס איז כדאי, די געלט, צייט, כח און מח און אויך די קריגערייען און מוטשערייען פון די קינדער."

יעצט זיץ איך אויך אויפ'ן וועג אהיים. און עס דערמאנט די תניעה ניגונ'דל, "אויפ'ן וועג אהיים, צוזאמען ביים רבי'ן פארברענגט, אויפ'ן וועג אהיים השפעות אונז געשענקט, יעצט בין איך איינער אליין, אוי ווי מיין הארץ ס'בענקט, יעצט בין איך איינער אליינס, אבער די תניעה איך געדענק..."

די קינדער מוטשען און אויף א מינוט'קעלע קלער איך צו זיך, "ס'האט געלוינט?"

און עס קומט מיר אויף די זכרונות פון די פריעדיגע זומערס. אנו עמלים והם עמלים, דעמאלט האב איך זיך געדארפט מחזק זיין אז עס האט געלוינט. היינט דארף איך נישט חיזוק. אוודאי האט געלוינט, אוודאי איז ווערד געווען.

מיין חבר'טע איז געווען א שבת אין קרית ברסלב. אויפ'ן וועג אהיים זענען זיי אויסגעלאפן פון גאזאלין. זיי זענען געזיצן און געווארט אז "חברים" (א חסד ארגאנאזאציע וואס העלפט מענטשן מיט די קארס אויף די וועגן) זאל זיי קומען העלפן. זיי זענען געזיצן מיט קליינע קינדער ביז 3:45 פארטאגס.

האט עס געלוינט? זיכער. איין מאל און ווידעראמאל. דער הייליגער רבי זאגט אין ספר המדות "טוב לבלות זמן רב, בשבול שעה אחת, שיתקרב לצדיק. עס איז ווערד אוועקצוגעבן אסאך שעות, אסאך צייט צו זיין איין שעה ביים צדיק.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רצז): "הַשַּׁבָּתִים שֶׁשּׁוֹבְתִים אֶצְלִי, הֵם גְּדוֹלִים וְטוֹבִים יוֹתֵר מִשִּׁבְעָה פְּעָמִים תַּעֲנִית מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת", זיין ביי מיר שבת איז מער און גרעסער ווי פאסטן זיבן מאל משבת לשבת.

איז וואס טוט מען נישט פאר די קינדער? פאר די דורות.

און איך קלער צו מיר, "דער עולם געזעגנט זיך אצינד פון דעם זומער, אבער מיין הארץ ציפט שוין פון בענקשאפט. איך פארשטיי וויאזוי מען געזעגנט זיך פון קאנטרי, פון שכנים, פון פריינט, אבער וויאזוי געזעגנט מען זיך פון גן עדן? וויאזוי איז מען זיך מחזק וואוסנדיג אז מען וועט שוין נישט האבן פאר א לאנגע צייט די הערליכע שבתים, באטעס, סיפורי מעשיות, מלוה דמלכה'ס?

און יא, עס וועט זיך בענקען אנצוקומען אהיים אין די פריע פארטאגס שעות און זיך שטעלן אויספאקן די איבעריגע עסן און מסדר זיין די וועש, בשעת מען פראבירט אריינצושיקן די מידע קינדער אין בעט. דאס אלעס מאכט זיסע און אנגענעמע זכרונות, צו וועלכע עס בענקט זיך שוין יעצט.

עס איז אביסל א בחינה פון אשרי עין ראתה זאת. ווער האט דאס מיטגעהאלטן דארף נישט קיין פירושים און ווער עס האט דאס נישט מיטגעהאלטן, וואס וועט העלפן פירושים?

קען מען מסביר זיין די טעם גן עדן אריינקומענדיג אין שול מוצאי שבת און הערן די ווארימע שטומע פונעם ראש ישיבה, "מיר האבן פאר קיינעם מורא, ניין טאטע ניין." עס צוגייט דאך אין די גלידער און געבט כח פאר א גאנצע וואך.

קען מען מסביר זיין די מראה ביי סיפורי מעשיות וויאזוי קליין און גרויס זיצן ביי א געשמאקע קידוש נאך א ווארימע דאווענען און מען דערפרישט זיך מיט די הייליגע ווערטער פון רבי'ן, מיט'ן פירוש פון דעם ראש ישיבה לעובדא ולמעשה? ..."להתודע להגלות אז יעדעס ווארט פון דעם הייליגן ספר..."

די געפילן נעמען איבער און איך קלער צו זיך, "שכח אייבערשטער, אבער פארוואס? פארוואס פונקט איך האב זוכה געווען צו טרעפן די טיר פון גן עדן אויף די וועלט?"

פארנדיג אין א קאר מיט מידע, וויינעדיגע קינדער, האב איך געטראכט צו מיר אז דאס איז די שענסטע מוזיק וואס איז נאר פארהאן.

טויזנטער מענטשן ספראווען זיך אין די זעלבע צייט מיט מידע און פארוויינטע קינדער אין קאר. איינער האט פארברענגט די זומער דא און איינער דארט. שכח אייבערשטער אז מיר האבן געהאט די זכי' צו ברענגען די קינדער צו צדיקים.

פראביר צו דערציילן פאר איינעם פון אינדרויסן אז דו שלעפסט זיך מיט פעק און זעק צו פארן אויף שבת צו שטעטל און יענער וועט דיר פרעגן, "וויאזוי איז מעגליך זיך צו שלעפן אזוי מיט א משפחה מיט קינדער, עסן און קליידער וואך נאך וואך? עס איז כדאי? אזא מסירת נפש... ביסט "אמעיזינג" (אן אויסנאמע פרוי)"

אבער איך וואונדער זיך אויף צוריק, "מיין שכנ'טע איז פאריגע וואך געפארן קיין פלארידע מיט ניין קינדער..."

זי האט מיר דערציילט אז אירע קינדער האבן זיך געריסן ביי די קעפ און זי האט זיך געביסן די לופן. די אויספלוג האט איר געקאסט א הון רב און זי פרעגט מיר, "האלטסט עס האט זיך געלוינט? איך האב זיך געשלעפט אויף די פליגער, אין לופטפעלד און אויך דא אין פלארידא פאר איך יעדן טאג מיט זיי אויף אנדערע פלעצער. איך ארבעט אזוי שווער, איך שטעל צו עסן און שלעפ אלעס מיט...און מען קריגט זיך ווי... קליינע קינדער!"

אזא מסירת נפש...

מסירת נפש?! אז מען וויל עפעס, איז עס גרינג ווי א פעדער, און אז מען וויל נישט, קען עס זיין די וואג פון א פעדער און עס שפירט זיך ווי א בארג שטיינער. שכח אייבערשטער אז איך "וויל" ברענגען מיינע קינדער צו צדיקים, צו א פלאץ וואס געט זיי יראת שמים, שמירת עינים, תמימות, חשקת התורה, א טעם אין אידישקייט, דביקות השי"ת, א וועג צו זיין

א ערליכע פרייליכע איד.

אמאל איז פארן מיט די קינדער קיין ניו העמשפיר זעקס שעה אין קאר נישט געווען שווער. איך האב דאס געוואלט. שכח אייבערשטער אז מיט די שיעורים טוישט זיך אביסל די בליק און מען הייבט אן פילן אז "לעשות רצונך... רצונך אלוקי חפצתי. מיין ווילן, מיין בענקעניש, מיין רצונות זענען גליסטן צום אייבערשטן. דאס "וויל" איך "באמת". מען ברעינוואשט די מח. (זיי זענען געררעכט!!!) מען שווענקט די הארץ, די מח און מען הייבט אן טראכטן פון תכלית, פון אייבערשטער, פון אמת, פון חיי נצחי.

איך ווייס נישט וואס איך האב געענטפערט פאר מיין שכנ'טע וואס איז געווען צובראכן אויב טראגן אירע קינדער אין פלארידע האט געלוינט (זי האט מיר נישט געפרעגט מיין מיינונג איבער די שמירת עינים פון אירע ריינע קינדער דארט, און איך האב איר אוודאי נישט געזאגט), אבער איך האב געטראכט צו זיך, "מיר האט זיכער געלוינט. איך האב קלאר פארדינט. שוין יעצט, און אויך אויף שפעטער."

ווען איך פלעג אוועקפארן און זיך אוועקגעבן אזויפיל פאר די קידנער, האב איך "געגלייבט" אז דאס וועט מאכן גוטע זכרונות פאר מיינע קינדער און דערפאר איז עס כדאי, אבער יעצט בין איך צען מאל מער איבערצייגט אז קומען אויף שבת צו זיין ביים ראש ישיבה, און זיך אנזאפן מיט תורה און יראת שמים, דאס מאכט נישט נאר זכרונות, נאר דאס מאכט מיינע קינדער פאר ערליכע אידן.

עס זענען געווען שבתים (אזוווי די פארגאנגענע שבת) וואס איך האב ניטאמאל געהאט די זכי' צו הערן אפילו איין ווארט פון דעם ראש ישיבה. געוויסע פרויען וואס וואוינען אין שטעטל האבן נישט געקענט אנקומען אפילו איין שבת מיטצוהאלטן. אבער דאן קומט מיר ארויף דאס וואס די גמרא זאגט, "נשים במה יזכה? מיט וואס זענען פרויען זוכה? מיט דעם וואס זיי שיקן אפ און ווארטן אפ די מענער און די קינדער פון בית המדרש."

דאס איז אונזער זכות. אז מיר ערמעגליכן פאר אונזערע קינדער און פאר אונזערע מענער צו קומען שעפן פון דעם נחל נובע מקור חכמה, מיר העלפן צו און זענען מחזק אונזער עתיד צו לעבן מיט צדיקים, מיט תמימות. דאס איז אונער שבת, אונזער לויב.

און דער הייליגער רבי זאגט אונז שוין א שיינע חיזוק אין ספר המדות, "אלו בני אדם הנוסעים לצדיק, אף על פי שאין מקבלים תורה ממנו, מקבלים שכר על הנסיעה." די מענטשן וואס פארן צום צדיק, אפילו זיי זענען נישט מקבל תורה פון דארט, וועלן זיי באקומען שכר אויף די נסיעה.

(א זייטיגע נ.ב.: זייט מען איז זוכה צו הערן די הערליכע שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א, טרעפן מיר מיר זיך אן מיט א פראבלעם. וואו קען מען גיין מיט די קינדער? וואו קען מען פארברענגען אן דעם וואס מען זאל חלילה רירן זייער יראת שמים און ריינע מוחות? מיר זענען געווארן אסאך מער אויפמערקזאם מיט זייער שמירת עינים. פלוצלינג האב איך אנגעהויבן באמערקן און זיך וואונדערן "וויאזוי האב געקענט גיין מיט מיינע קינדער, וואס זענען דאך ריין און הייליג, צו אזעלכע פלעצער? אלץ עלטערן בין איך דאך אחריות צו היטן זייער תמימות. (מיר רעדן פון "אויסגעהאלטענע" פלעצער, אבער ווי מען גייט און ווי מען שטייט דארף מען דאך אזויפיל רחמי שמים מיט שמירת עינים.) דאס איז א סענסעטיווקייט וואס מיר האבן זוכה געווען צו באקומען אלץ א זייטיגע מתנה. מיר "קענען" שוין נישט גיין ווי מיר זענען געגאנגען אמאל. די נשמה לאזט נישט.)

פאר איינעם איז פארן קיין נייגרא פאלס א וואקאציע און א צווייטער באשליסט צו מאכן א שבת אין שטעטל, זיין ביים צדיק, הערן דעם רבינ'ס דיבורים פאר א וואקאציע.

וואקאציע איז א וויכטיגע זאך. וואס איז וואקאציע? וואקאציע איז אין מח. וואקאציע איז א טויש. דער ראש ישיבה האט לעצטנס געזאגט פאר א אינגערמאן וואס האט אנגעפרעגט וועגן קומען שמחת תורה אין שטעטל אז עס וועט אים קאסטן גאנץ טייער. דער ראש ישיבה שליט"א האט אים געזאגט, "יום טוב אין שטעטל איז א וואקאציע". די מטרה דערפון איז געווען, "מענטשן צאלן אסאך געלט פאר וואקאציע. נעם דיר אריין אין מח אז "דאס איז מיין וואקאציע." וועט דיר ווערן אלעס גרינגער. אויב דאס איז וואס איך וויל, דאן ווערט מיר אלעס גרינג, און עס קאסט נישט אסאך געלט. ווייל איך וואלט ממילא געצאלט געלט פאר א "רעכט פארדינטע וואקאציע."

עס איז שפעט. די מארגענדיגע טאג ווינקט שוין, אבער איך האב זיך געמוזט אראפזעצן און אפשרייבן מיינע געפילן פון מיין "זומער וואקאציע" איידער איך שפרינג אריין די "בעק טו סקול" (צוריק אין חדר אריין) סעזאן...

און וואס טוט מען ווען דאס הארץ צובענקט זיך? דערמאנט מען זיך נאכאמאל דעם ניגון, "אויפ'ן וועג אהיים, צוזאמען ביים רבי'ן פארברענגט, אויפ'ן וועג אהיים השפעות אונז געשענקט, יעצט בין איך איינער אליין, אוי ווי מיין הארץ ס'בענקט, יעצט בין איך איינער אליינס, אבער די תנועה איך געדענק..." און איך בין זיך מחי' מיט וואס מען האט זוכה געווען אריינצוכאפן און מיטצונעמען אלץ צידה לדרך אויפ'ן ווינטער וואס קומט. איך דערמאן זיך די תניעה'לעך פונעם ראש ישיבה, די ווערטער הוצאים מן הלב און איך ערלויב זיך צוריק אריינצוגיין אין "א מצב פון נאסטאלגיע" און זיך דערמאנען די ווארימע, לעכטיגע שבתים. די זכרונות פון מיין זומער וואקאציע.

(דיסקלעימער: נעמט ביטע נישט ארויס פון די ארטיקל אז וואקאציע איז א פראבלעם. ממש נישט. פארקערט, אז מען דארף דאס האבן, אדרבה ואדרבה. און פארקערט, מען מעג און מען זאל גיין מיט (און אן) די קינדער זיך אויסלופטערן. דא רעדן מיר נאר פון די נקודה אז אשרינו אז מיר זענען זוכה צו מאכן די מטרה וואס וואקאציע געט דיר מיט א העכערע ציל. אבער נעמט נישט ארויס דערפון אז "אין ברסלב" איז וואקאציע אפגעפרעגט. די ארטיקל איז אן אייגן אפשאצונג און האט גארנישט צו טון מיט "ברסלב'ע מנהגים" וואס איז אגב, זיין פרייליך מיט פשטות יהדות און רעדן צום אייבערשטן.)

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## די ווערד פון א פעני

דער ראש ישיבה האט פארציילט ביים שיעור,
די מעשה: "ג-ט פון מאיר ענטפערט מיר".
אויך היינט קען מען מיט דעם זען ישועות,
א פעני אין פושקע, אזוי פשוט - טו עס!

צדיקים פלעגן זאגן:
א פעני בשום אופן פאר א משולח,
ער וועט זיך באליידיגן, נישט דאס וויל איך,
אבער ר' מאיר'לס פושקע קען אלעס נעמען,
פעניס/אגורות נישטא קיין פארשעמען.

דיין קינד האט אן אויער אנטצינדונג?
מאך מיטן באשעפער א פארבינדונג!
לייג אין פושקע א פעני, א פרוטה,
"באשעפער הייל אויס מיין קינד, ביטע..."

דיין קינד ליגט מיט פיבער?
נוץ דיין תשעה קבין, דיין כח הדיבור!
בעט און טו רבי מאיר'ס טריק,
און דיין קינד וועט פילן גוט צוריק...

אלקא דמאיר ענינו
א קורצע געבעט,
און ניסים מען זעט,
"ענטפער מיר מיין טאטע,
פונקט ווי אין רבי מאיר'ס צייטן..."

~~~ ⭐ ~~~

מעגסט געבן מער פאר רבי מאיר,
צאלסט נישט אויף דעם קיין שטייער...
ס'איז אוודאי זעלבסט פארשטענדליך,
רבי מאיר נעמט אויך גאלדענע רענדלעך...

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9169**
~~~

# וואַרעמע

# ברעסטן

*אין קורצן פון פריער: בתי' - קינד פון ר' יודא לייב ווזוגתו בילא מייזליק ז"ל, איז געבליבן לעבן נאכן צווייטן וועלט קריג, מיט מסירות נפש היטן זיי אידישקייט אין רוסלאנד. די קעי זשי בי לאקערט אויף טריט און שריט. איין טאג איז ר' יודא לייב נישט אהיימגעקומען. דאן איז געקומען פסח און ער איז נאך אלץ נישט דא צוריק, וואס איז מיט אים?*



*און יעצט לײנט ווייטער:* אנדערש ווי אלע יארן, וואס די סדר פון ר' יהודה לייב האט געצויגן אידן פון נאנט און ווייט, איז יעצט געזעצן בלויז ביילא און בתי', אליינס און אייזאם. בתי' דערציילט אין אירע זכרונות אז זי האט זיך באמת פראבירט צו האלטן שטארק און נישט וויינען אבער ווי נאר זי האט אנגעהויבן זאגן די הגדה האט זי אויסגעשאסן אין א אומבאהערשנדער געוויין פון וועלכע זי האט זיך נישט געקענט בארואיגן.

ווידער האט איר טייערע ערליכע מאמע איר בארואיגט און גערעדט צו איר דיבורי אמונה. "בתי'לע טייערע" האט זי איר געזאגט, "מיר זאגן די הגדה "כל ימי חייך" אונזער גאנצע לעבן. סיי בייטאג ווען אלעס גייט גוט און סיי בלילה ווען עס איז אונז שווער."

די מאמע האט איר מחזק געווען מיט די פשוט'ע ריינע אמונה אז דער אייבערשטער פירט די וועלט און מיר פארשטייען נישט און פרעגן נישט קיין שאלות, און דאס אז מיר לעבן מיט'ן אייבערשטן איז שוין א בחינה פון אויסגעלייזט.

ווען עס איז געקומען צו מה נשתנה האט בתי' געזאגט פאר די מאמע אז זי איז נישט אומשטאנד צו פרעגן די שאלות. זי וויל עס טאקע זאגן פאר'ן טאטן. זי וויל פרעגן "טאטע" לעבן. "איך וויל דער טאטע זאל מיר פארענטפערן די שאלות און אויך א פיפטע שאלה און אויך נאך אסאך שאלות וואס איך וויל דער טאטע זאל מיר עס מסביר זיין."

בתי' דערציילט אז יענעם סדר נאכט האט זי ערשט



24

ש. טראכטער

אנערקענט אז זי וואוינט מיט א מאמע א צדיקות. א אידישע העלדין וואס איר אמונה איז אזוי פעלזן פעסט. די מאמע האט אריינגעברענגט א שמחת החיים און זיך אפגעשטעלט אינצווישן די הגדה און צוגעלייגט, "דער טאטע פלעגט דא זאגן אזוי..." צוביסלעך האט די מאמע מצליח געווען אריינצוברענגען א חיות אין די יונגע בתי' אז אויך זי זאל שפירן די פרייליכקייט און הייליגקייט פון די נאכט.

ווען עס איז געקומען ראש השנה און דער טאטע איז נאך אלץ נישט אהיימגעקומען האט פאר בתי' פריש ארומגענומען אן אומפעט. די שווערסטע איז געווען אז אלע אמאליגע גוטע פריינט האבן זיי נישט געקענט גריסן און וואונטשן א גוט יאר.

גייענדיג אין שול ראש השנה ביינאכט זענען אלע געשטאנען אפגערוקט פון זיי כאילו זיי האבן אן אנשטעקיגע קרענק. בתי' האט שיעור נישט איבערגעטראגן די דאפעלטע צער. די מאמע האט זיך צוגעבויגן צו איר און מיט די הארץ פון א אידישע מאמע האט זי איר געזאגט, "בתי' עס איז פיל שווערער פאר זיי אונז נישט צו גריסן ווי פאר אונז צו ווערן איגנארירט."

איין מענטש, א גוטן חבר פון טאטן האט זיך יא געטרויעט זיי צו וואונטשן לשנה טובה. אויפ'ן וועג ארויס פון שול האט ער זיך אפגעשטעלט פאר א רגע נעבן זיי און געמאכט כאילו ער רעדט צו די לופט און געוואונטשן "א גוט יאר." און איז גלייך פארשוואונדן געווארן.

אנקומענדיג אהיים איז בתי' געווען שטיל. זי האט מורא געהאט אז אויב וועט זי עפענען די מויל וועט זי אויסשיסן וויינען. די מאמע האט איר אפגעהאלטן זאגענדיג, "עס איז נישט כדאי אנצוהייבן די יאר מיט שלעכטע מחשבות."

דאס דערמאנט אונז וואס דער הייליגער רבי האט אונז שוין געזאגט אז ראש השנה זאל מען טראכטן נאר גוט.

די מאמע האט געברענגט עפל און עס איינגעטינקען אין האניג און דערביי געזאגט דעם "יהי רצון שתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה". די מאמע האט דאן דערמאנט פאר בתי' אז אמאל האט בתי' געפרעגט דעם טאטן "פארוואס דארף מען זאגן שנה טובה "ומתוקה" א גוט "זיס" יאר? איז נישט גוט אויך זיס?

דער טאטע האט איר דאן מסביר געווען אז צומאל דארף א דאקטער געבן פאר א פאציענט א מעדעצין וואס איז גוט פאר אים אבער עס האט א ביטערע טעם. דער מעדעצין איז גוט פאר אים, נאר די טעם איז נישט זיס. די טעם איז ביטער.

אזוי אויך בעטן מיר דעם אייבערשטן אז מיר ווייסן און גלייבן אז אלעס איז פאר אונזער טובה און צומאל גייען מיר איבער צער און ליידן וואס איז גוט פאר אונז, אבער מיר בעטן דעם באשעפער אז די יאר זאל זיין גוט און זיס."

די שטארקע העלדישעביילא האט זיך דא געבראכן און זיך זייער אויסגעוויינט צום אייבערשטן בעטנדיג אז די יאר וואס קומט זאל זיי זיין גוט און זיס. אזוי זענען זיי געשטאנען ארויפגעווארפן איינער אויפ'ן צווייטנ'ס אקסל און זיך אויסגעוויינט מיט תפילה צום אייבערשטן אז ער זאל זיי אנשרייבן א זיס און גוט יאר.

אזוי איז אריבער צוויי גאנצע יאר. צוויי יאר פון האפן און בעטן פון תפילה. צוויי יאר וואס בתי' מיט איר מאמע זענען זיך מחזק אז דער אייבערשטער איז גוט און פירט די וועלט מיט א פונקטליכע חשבון.

אדר תשי"ג. רוסלאנד. פורים איז שוין ביים שוועל, אבער די אידן פון רוסלאנד שפירן ווי תשעה באב איז ביים שוועל. שמועות האבן זיך ארומגעדרייט אז דער רשע סטאלין פלאנט צוזאמצונעמען אלע אידן פון רוסלאנד און ענדיגן די פלאן וואס היטלער ימ"ש האט נישט מצליח געווען צו טון.

זיין פלאן איז געווען אז מען וועט נעמען אלע אידן פון רוסלאנד און זיי אפשיקן מיט באנען צו די ווייטסטע און קאלטסטע פלעצער פון רוסלאנד און זיי דארט אראפלייגן און זיי לאזן אויסשטארבן פון הינגער און קעלט. ער האט געמאכט א חשבון אז דאס איז א ביליגע און שנעלע וועג פטור צו ווערן פון אלע מילאנען רוסישע אידן ח"ו. אפאר טעג און גאנץ יהדות רוסלאנד איז אויס ח"ו. אין די טעג ארום פורים זענען די שמועות אריינגעקומען שטערקער און שטערקער.

פורים ביינאכט בתי' שפאצירט מיט איר מאמע דורך די פארשנייטע גאסן פון קיעוו צו גיין אין שול הערן די מגילה. די ווייסע שניי האט אויסגעזען שווארץ. אט שטייען זיי פאר די זעלבע גזירה ווי המן. סטאלין ווי דער פארצייטישער המן רייבט זיך די הענט אויסצופירן דעם להשמיד ולהרוג את כל היהודים.

און דאן האט אין זיי אריינגעשטראלט א האפענונג אז שעשה נסים... בימים ההם ובזמן הזה.

*לייענט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה*

וזאת התורה לא תהא מוחלפת

ברסלב

# קרן הצלה

למען מוסדותנו בארה"ק על טהרת הקודש

אנשי שלומינו גייען זיך אנרופן מיט די זעלבע מסירת נפש פון אונזערע הייליגע רביס און אונזערע זיידעס און אוועקשטעלן א 'קרן הצלה' פאר מוסדות היכל הקודש ברסלב על טהרת הקודש אז די קינדערלאך זאלן ווייטער קענען לערנען תורה בטהרה.

## כאפט אייער זכות פאר די ימים נוראים און נעמט דעם שטערקסטן זכות פאר דעם יום הדין

- זכות פרנס השנה $18,000
- זכות פרנס החודש $12,000
- זכות פרנס השבוע $5,000
- זכות פרנס היום $3,600
- זכות תומך $1,800

*sruliHeskel


מיר ווילן
לערנען די
הייליגע תורה
בקדושה
ובטהרה



חלק ב'

פראיעקט

# ראש השנ

ש. טראכטער




# ה תשפ"ו

**אליעזר שלמה שיק**
ר״מ ״היכל הקודש״
״חסידי ברסלב״
ע״ש הצה״ק אדמו״ר מוהר״ן מברסלב זי״ע
בארץ ובחו״ל

*RABBI E.S. SCHIK*
*1129-42ND STREET*
*BROOKLYN N.Y. 11219*
*TEL. (718) 436-5062*
*FAX. (718) 871-8566*

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן ז׳ מְנַחֵם אָב ה׳תשע״א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוֹדֶם, קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט אַז דוּ הָאסְט אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ דֶעם קוּנְטְרֵס ״רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִּיקִים״, וָוארוּם דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זְכוּת הָרַבִּים, וִוי בַּאוִויסְט אַז קַיין שׁוּם צַדִּיק הָאט נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶועזְן אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים דַיְקָא רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אֲפִילוּ נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת, אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר פּוֹעֵלְ׳ן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס אַ גַאנְץ יָאר אִיז שְׁוֶוער צוּ פּוֹעֵלְ׳ן נָאר דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם לֵיידֶער פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן אִיז מוֹנֵעַ מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וֵוייסְט גַאנְץ גוּט וָואס עֶס וֶוערְט פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיבֶּערְדֶעם טוּט עֶר אַלֶע פְּעוּלּוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּ שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי תַּחְבּוּלוֹת, קוֹדֶם אִיז דָאס וַוייבּ אַ גְרוֹיסֶע מְנִיעָה, זִי שְׁטֶערְט דִי מַאן פוּן קוּמֶען מִיט אַלֶע מִינֵי אוֹיסְרֵייד וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן נָאכְדֶעם אִיז דֶער מְנִיעָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט מְנִיעַת הַמּוֹחַ, וָוארוּם עֶס קוּמֶען דָארְטְן צוּזַאם מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע עֶרְלֵיי פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, אוּן עֶס פַאלְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ׳, הֲזֹאת נָעֳמִי? אַזוֹי דַארְף מֶען אוֹיסְזֶעהְן? וָוארוּם עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אַסַאךְ קֻשְׁיוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן? מַיין הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן ת״ג) גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶס אִיז אַ פֶּלֶא בַּיי מִיר אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי גְלֵייבְּן אִין מִיר פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַ גַאנְץ יָאר, וִוידֶערְאוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם סִימָן ת״ה) מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידּוּשׁ דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דָאס מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, לֹא מִיבַּעְיָא עֶטְץ אַלֶע דַארְפְט עֶטְץ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דַארְף זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיבֶּערְדֶעם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן, קוּקְט עֶר אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן עֶר קוּמְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אֲפִילוּ דָארְטְן אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, וָואס גֵייט מִיךְ אָן, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה וְכוּ׳, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ רְפוּאָה וְכוּ׳, קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף חָלִילָה גֵיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן עֶר זֶעהְט דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳ וֶועגְן דֶעם וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט מוֹנֵעַ זַיין פוּן גֵיין דָארְטְן, וָוארוּם עֶר גֵייט אַרַיין זִיךְ הֵיילְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין צָרָה מִיט זַיין פְּרָאבְּלֶעם וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיז בְּמֵילָא דַארְף עֶר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר פָּארְן זִיךְ צוּ הֵיילְן, אוּן עֶס הַארְט נִישְׁט וָואסֶערֶע מִנְיָן עֶר דַאוֶוענְט, אַבִּי עֶר זָאל זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען דֶעם קוּנְטְרֵס ״רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִּיקִים״ וָואס דֶער עִיקָּר קוּנְטְרֵס אִיז פַאר דִי פְרוֹיעֶן וְכוּ׳, וָוארוּם וֶוען אַ אַנְדֶערֶער אִיז מוֹנֵעַ אוּן שְׁטֶערְט פָּארְן אִיז וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט דִיר? אָבֶער אַ וַוייבּ זָאגְן דִי חַזַ״ל (בְּרָכוֹת כד.) אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ; מִיט אִיר דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען וָוארוּם מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ בְּשָׁלוֹם, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מוֹרָא׳דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רס״ג) אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם טוּט אַלֶע פְּעוּלּוֹת צוּשְׁטֶערְן דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת פוּן אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק, אוּן אַזוֹי וִוי נִישְׁט יֶעדֶע פְּרוֹי וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ׳, אָדֶער אַ חַבֶר׳טָארְן הָאט אִיר אָנְגֶערֶעדְט אַקֶעגְן וְכוּ׳, אִיז פַאר אִיר גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן דֶער קוּנְטְרֵס אוֹיפְצוּקְלֶערְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פְרוֹי וָואס לָאזְט פָּארְן דֶעם מַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט דָאס דַיין וַוייבּ דַארְף דֶעמָאלְט הָאבְּן אַ קִינְד וָואס זָאלְסְטוּ טוּהְן זָאלְסְטוּ פָּארְן אָדֶער נִישְׁט? אִיז קוֹדֶם נָאךְ דָא גַאנְצֶע זִיבְּן וָואכְן, בִּיז דֶעמָאלְט קֶען זִי נָאךְ הָאבְּן דָאס קִינְד בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען פָּארְן, אָבֶער אוֹיבּ זִי וֶועט נִישְׁט הָאבְּן בִּיז דֶעמָאלְט דָאס קִינְד, מִיזְטוּ בְּלַייבְּן מִיט אִיר, וָוארוּם וֶוען אַ פְרוֹי גֵייט צוּם קִינְד שְׁרֶעקְט זִי זִיךְ זֵייעֶר, אוּן זִי דַארְף הָאבְּן דֶעם מַאן לֶעבְּן זִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען נִישְׁט טוּהְן קַיין ווִילְדֶע זַאכְן, נָאר בְּלַייבְּן מִיט דִי וַוייבּ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אַז מֶען דַארְף מַאכְן אַ בְּרִית טָאר מֶען נִישְׁט טוּהְן קַיין הֶפְקֵירוּת אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דָאס וַוייבּ מִיטְן קִינְד אַלֵיין.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דִי שִׂמְחָה וָואס אִיךְ הָאבּ אַז דוּ לֶערְנְסְט חוּמָשׁ וְרַשִׁ״י מִיט מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא וְכוּ׳, אַז וואוֹיל אִיז דִיר, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ וִוי לִימּוּד תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה בַּאהֶעפְט עֶר זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס וֶוערְט נִשְׁפָּע אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶער לֶעכְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער תּוֹרָה מַאכְט רַייךְ בְּגַשְׁמִיּוּת אוֹיכֶעט.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי טֶעג עֶס זָאל וֶוערְן יָמִים טוֹבִים, אוּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּם בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

**הַמְּאַחֵל לְךָ נֶחָמָה שְׁלֵימָה**

אליעזר שלמה שיק
ראש מתיבתא
היכל הקודש חסידי ברסלב

# אומאן ראש השנה תשפ"!

**אויפ'ן פארלאנג פון פילע נשים צדקניות, ברענגען מיר אייך די וואך נאך א פרוי וואס טיילט מיט אביסל חיזוק און עצות וויאזוי אריבער צו שווימען די אומאן תקופה. אסאך פרויען, סיי וואס די מענער גייען צום ערשטן מאל און סיי וואס אומאן איז שוין א טייל פון זייער לעבן, האבן געברענגט גריסן אז די ארטיקל האט זיי אריינגעבלאזן א חיות.**

**האבן מיר געמאכט א שנעלע באשלוס, צו ברענגען א נ.ב. ארטיקל סיי די וואך און סיי די קומענדיגע וואך. כה לחי שוועסטער, האלט זיך פרייליך און שטארק.**

**נישטא קיין גליקליכערע פון אונז, אז מיר זענען זוכה צו טון וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט, "מיין ראש השנה איז העכער פון אלעס."**

## ל. וועבערמאן.

רעדנדיג פון אומאן וויל איך צום ערשט מיטטיילן איבער מיין ערשטע ראש השנה. צומאל דאכט זיך פאר פרישע מקורבים אז די פרויען וואס זייערע מענער פארן שוין יארן, קענען דיר נישט פארשטיין. וויל איך דיר זאגן, טייערע שוועסטער, יעדער וואס איז זוכה היינט צו זאגן, "מיין מאן פארט שוין יארן קיין אומאן" האט אויך געהאט די שטורעם און די וואסערן וואס זיי האבן געדארפט אריבערגיין די ערשטע פאר יאר.

מיין ערשטע ראש השנה איז געווען אייגנארטיג. מיר זענען געווען א שנה ראשונה פארפאלק, קוים ניין חדשים פון די חתונה, און עס איז געווען א תקופה וואס עס איז מיר געווען ספעציעל שווער איבערצובלייבן אליינס. ווען מיין מאן האט געמאלדן (מיט מיין פולקאמע הסכמה פארשטייט זיך) אז ער פארט, און פרובירט מיר מסדר צו זיין א פלאץ וואו איינצושטיין ראש השנה, האבן די ארומיגע עס נישט געקענט משיג זיין און עס אנגעקוקט ווי א גערוויסע הפקרות. ווייל אז מען לעבט נישט

מיט די עצות פון רבי'ן, קען עס טאקע אויסזען ווי א "היינטיגע הפקרות" (ח"ו).

מיין מאן האט דאן געשיקט א בריוו פאר מוהרא"ש און אנגעפרעגט אויב עס איז כדאי צו פארן אין אזא מצב. מוהרא"ש זי"ע האט צוריקגעשריבן א בריוו (זע אינעם באקסל) אז עס איז טאקע נישט כדאי צו פארן אזוי, אבער דער אייבערשטער קען העלפן און זאכן קענען זיך נאך זייער שיין מסדר זיין.

עס איז געקומען נענטער צו אומאן און איך האב זיך מסדר געווען אז איך וועל גיין צו א שוועסטער איינשטיין. עס איז נישט געווען שייך דעמאלטס צו גיין צו מיין מאמע.

עס איז געקומען די אינדערפרי פון אומאן. מיין מאן'ס פליגער האט זיך געהויבן בערך 11:00, אבער הקב"ה האט געהאט אנדערע פלענער פאר אונז. יענע אינדערפרי, בערך די זעלבע צייט זענען מיר געווארן א גליקליכע טאטע מאמע צו א ליכטיג און זיסע מיידעלע (אזוי ווי מוהרא"ש האט געשריבן אינעם בריוו).

מיין מאן האט פארשטייט זיך פארפאסט זיין פליגער, אבער זיין הארץ האט געברענט, ער האט אזוי געבענקט אנצוקומען צום רבי'ן. נאכ'ן מיר העלפן זיך מסדר זיין איז ער מיר געקומען פרעגן אויב איך בין מסכים אז ער וועט יעצט פארן. איך האב אוודאי מסכים געווען מיט מיין גאנצע הארץ, אפילו עס איז מיר געווען זייער שווער. די ארומיגע משפחה האט נישט פארשטאנען וואס דאס מיינט, א פרישע טאטע לאזט אזוי איבער די ווייב אין אזא מצב. אבער שכח אייבערשטער אז איך מיט מיין מאן האבן ביידע געוואלט אז ער זאל גיין און פועל'ן פאר אונז. דאס איז געווען א געלעגנהייט וואס מיר האבן נישט געוואלט און נישט געטארט פארפאסן.

מיינט נישט אז פון דא און ווייטער איז אלעס געפארן געשמירט. דער יצר הרע האט זיך געלייגט "אין די לענג און אין די ברייט" אז מיין מאן זאל נישט קענען אנקומען קיין אומאן. די אפגעשפארטע געלט וואס מיר האבן אזוי צוביסלעך אוועקגעלייגט פאר א טיקעט צו אומאן, האבן מיר נישט געקענט צוריקבאקומען פון די עירליין. זיי האבן נישט געוואלט ריפאנדן (צוריקגעבן) די געלט. מיין מאן האט שנעל געדארפט שאפן און בארגן געלט אונטער געציילטע מינוטן.

צו דעם איז זיין טעלעפאן, וואס האט דאן געארבעט אויף מינוטן, אויסגעלאפן. ער האט זיך געטראפן צווישן די ווענט פון שפיטאל אן געלט, אן א טעלעפאן, אבער מיט איין זאך: רצונות, כיסופים און תפילות. און דאס האט געזיגט. עס איז נישט געווען וועם צו רופן בארגן געלט, ווייל רוב אנשי שלומינו זענען שוין געווען אויפן וועג קיין אומאן. מיט גרויסע ניסים האט ער געטראפן איינעם וואס האט מסכים געווען צו בארגן געלט.

זייער לאנג האט גענומען ווילאנג די טרעוועל אגענט האט געהאט צייט און אים געקענט שאפן א נייעם טיקעט.

סוף סוף איז ער אנגעקומען בדרך נס אויף א פליגער וואס האט אים געברענגט צום רבי'ן ממש אפאר שעה צום זמן. מיין מאן האט מיר שפעטער דערציילט אז די געפיל וואס ער האט געהאט יענעם ראש השנה ביים ציון איז געווען עפעס העכער וואס א מענטשליכע שכל קען פארשטיין. ער האט געשפירט אזא אפגעוואשנקייט, ריינקייט און שמחה צו קענען ענדליך זוכה זיין צו שטיין ביים רבי'ן און פארגיסן דאס הארץ. ער האט געבראכן אלע מניעות און זוכה געווען צו די ריכטיגע נעימות!

און דערוויל זיץ איך, א פרישע קימפעטארין אין שפיטאל און איך וואונדער זיך וויאזוי דער יום טוב וועט אריבערגיין. דער אייבערשטער האט אונז נישט פארלאזט. מיין טייערע שוועסטער האט זיך געפארעט פאר מיר און ערלעדיגט אז איך זאל קענען זיין יענע יאר ראש השנה (וואס איז געווען דריי טעג יום טוב) אין אשת חיל. דאס איז געווען די בעסטע אויסשטעל פאר מיר. דארט איז יעדער געווען אן די מענער, האב איך נישט געשפירט פארלוירן און איינזאם. שכח אייבערשטער פאר די נס.

איך געדענק אז מיין טאטע שליט"א איז מיר געווען זייער בייהילפיג, ער האט זייער געשעצט (און שעצט נאך ביז היינט) דאס וואס מיין מאן פארט קיין אומאן, ער האט מיר אהיימגעברענגט און געטראגן צו אשת חיל מיט די פילסטע געטריישאפט.

איך געדענק זייענדיג אין אשת חיל האט מיר אנגעכאפט א שטארקע בענקשאפט צו מיין מאן. איך בין קוים געווען חתונה געהאט און שוין ב"ה געהאט א קינד און אצינד איז מיין מאן אזויפיל מיילן ווייט פון אונזער נייע משפחה'לע. איך בין אריין אין צימער און מיט די כח פון התבודדות זיך אויסגעשוועונקט צום אייבערשטן. איך געדענק דאן זאגן פאר מיין ניי געבוירן מיידעלע אין אויער אריין אז טאטי האט אונז זייער ליב. ער איז ווייט פון אונז, ווייל ער איז געגאנגען פועל'ן פאר אונז און אט אט קומט ער שוין צוריק מיט שיינע מתנות פון רבי'ן.

אינטערעסאנט איז אנצומערקן אז נאך אביסל שמועסן מיט'ן אייבערשטן בין איך געווארן אזוי פרייליך אז אנדערע פרויען אין אשת חיל האבן זיך געוואונדערט הויעך צו מיר, "וויאזוי קען זיין אז דו ביסט דא מיט דיין ערשטע קינד און דיין מאן איז אזוי ווייט און דו ביסט אזוי פרייליך?" זיי זענען דארט געזעצן אומעטיג און באזארגט און איך בין געווען פרייליך און לוסטיג. ווייל אז מען האט התבודדות, די זיסע עצות פון רבי'ן איז די לעבן אזוי געשמאק. עס איז דא א צייט פאר אלעמען. ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט אז איין שעה (צייט) אין טאג זאל מען זיין צובראכן, אבער די איבעריגע צייט זאל מען זיך האלטן זייער פרייליך.

שפעטער איז מיין מאמע אריבערגעקומען און מיר געהאלפן זיך מסדר זיין און נאך אלעם איז אלעס אריבער זייער רואיג און שיין, אויפ'ן שענסטן אופן. איך געדענק אויך אז מיין שוועגערין וואס איר מאן איז אויך דאן געפארן אויף אומאן, איז דעמאלט געווען אין אשת חיל. מיר האבן צוזאמען שיין פארברענגט און זיך גוט פארשטאנען, זייענדיג עטוואס אינעם זעלבן מצב.

פון דארט און ווייטער זענען געווען אסאך מעשיות און געשיכטעלעך, רוב וועלכע מען קען נישט אפשרייבן אין ראם פון אן ארטיקל. אומאן קאסט פאר יעדן א פרייז. ביי איינעם איז עס משפחה, ביי א צווייטן די ווייב, ביי א דריטן געלט, און ביי איינעם אלעס אינאיינעם.

איר ווילט וויסן אויב עס איז מיר שווער ווען מיין מאן פארט? אוודאי איז אסאך געשמאקער ווען די מאן איז אין שטוב, אבער מיט יארן און יארן פון תפילה איז אומאן געווארן אזא פרייליכע און געשמאקע צייט ב"ה.

ב"ה איך בלייב מיט א שטוב מיט מיידלעך די וואך פון אומאן. דאן טויש איך מיין היטל פון מאמע, צו "מאמע און העד קאנסלער". איך פיר א קעמפ. מיר מאכן




באמת א לעבן. געווענליך פאר איך קיין קרית יואל מיט די מיידלעך. איין יאר זענען מיר אפילו איינגעשטאנען אין א האטעל, מיר זענען באמת געווען אויף "וואקאציע". דאס איז זייער א ספעציעלע צייט פאר מיר מיט די קינדער. מיר גייען חול המועד האלטן יעדן טאג. איין טאג איז שאפינג, איין טאג פארברענגט מען מיט די באבע, און איין טאג גייט מען אין פארק.

מיר פאקן זיך איין עסן און נאכטמאל קויפט מען עפעס, אדער עסט מען טונא סענדוויטשעס. מיר ערלעדיגן דעמאלטס אלעס וואס מען דארף פאר יום טוב און עס איז זייער געשמאק.

אבער נישט יעדע יאר האב איך זיך געקענט ערלויבן אזא לוקסוס פון איינקויפן עסן יעדן טאג. איך געדענק איין יאר, ווען די שפע איז נישט געווען אזוי ברייט, בין איך געפארן קיין וויליאמסבורג איינצושטיין ביי מיין ברודער. נאך די בעסיק (וויכטיגסטע) הוצאות איז מיר שוין נישט איבערגעבליבן געלט אויף צו איינקויפן און זיך ערלויבן די עקסטערע אומאן באנוסעס. איך בין געווען ביי מיין ברודער אינדערהיים און איך האב אנגעהויבן שפירן א טראפ אומעטיג. איך האב געוואוסט אז מיין מאן האט מיר געגעבן אלעס וואס ער האט געקענט און דער אייבערשטער האט דאס אזוי יעצט צוגעפירט. אבער איך האב באשלאסן אז איך וויל זיך נישט לאזן ווערן טרויעריג. האב איך באשלאסן אז אויב איך קען נישט איינקויפן, וועל איך כאטש אראפשפאצירן די גאס און גיין "ווינדוי שאפינג" (כמו איינקויפן, קוקן אין די פענסטערס פון געשעפטן).

איך האב זיך געגרייט ארויסצוגיין און פלוצלינג איז מיין ברודער אריינגעקומען. ער האט געוואלט זיין העפליך און מיר געפרעגט, "וואס גייסטו איינקויפן היינט?" איך האב אים געזאגט די אמת אז איך גיי נישט קויפן, איך גיי נאר קוקן, ווייל איך האב פשוט נישט קיין געלט.

מיין ברודער האט מיר דאן געגעבן א רוק אריין צוויי הונדערט דאללער. דאס איז פאר מיר געווען א ישועה. עס איז אריין א ברכה אין די געלט, און מיט די געלט האב איך געקויפט סיי פאר מיר לכבוד יום טוב און א נייע קלייד פאר יעדע קינד לכבוד יום טוב. איך האב אפילו געקויפט א מתנה פאר מיין מאן. איך בין אריבער צו פארקאש טליתים און געקויפט א ציצית מיט תכלת. איך האב געוואוסט אז דאס וועט אים פרייליך מאכן.

די עצם ראש השנה גיי איך די לעצטע פאר יאר אינאיינעם מיט מיין שוועסטער צו א היים פאר נישט געזונטע מיידלעך און מיר פירן די יום טוב מיט זיי. איך האב זיי שוין מערערע מאל געטראגן צו תקיעות שופר און מיר פארברענגען דעם יום טוב מיט זיי פרייליך מאכן.

עס איז אביסל די בחינה וואס דער רבי זאגט אז מען איז יענעם מחזק ווערט מען אליינס מחוזק. מיין חבר'טע האט מיר געפרעגט איין טאג, זעענדיג ווי פרייליך איך בין לגבי אומאן, "ביסט קיינמאל נישט צובראכן? שפירסט קיינמאל נישט צופאלן?"

זיכער. איך בין נישט קיין מלאך, אבער ווען איך שפיר צובראכן, טו איך דירעקט זאכן וואס זענען נאך מער פרייליך! איך טו ספעציעל ספעציעלע זאכן, אז איך זאל נישט האבן א געלעגנהייט זיך צו "ווייקן" אין מיינע נישט פרייליכע געפילן. איך וועל טון אפילו נארישע זאכן, ווי דער רבי האט אונז שוין אנגעזאגט, אבי צו זיין פרייליך.

אפאר עצות פון מיין ערפארונג וואס איך האב געזען ביי מיר. א יאר וואס איך קלער אז "איך האב עס ארויס! עס קומט א פרייליכע אומאן תקופה" דארף איך גרויס חסדים. איך דארף כסדר געדענקען אז איך מוז דאווענען און דאווענען און בעטן און בעטן. אזוי גייט די תקופה אריבער זייער שיין.

א פרוי וואס איר מאן פארט צום ערשטן מאל האט מיר געזאגט אז זי האט לחץ צוצוגרייטן אסאך היימישע עסן פאר איר מאן און זון. זי פרעגט מיר וואס איך טו.

איך וועל דיר אויסזאגן א סוד, אסאך עסן וואס מען שיקט קומט צוריק. איך מאך אביסל היימישע עסן פאר די געפיל, נישט ווייל מען גייט אויס פאר הונגער. ב"ה אין היכל הקודש בנין איז אלעס שיין צוגעשטעלט. דאס איז נאר פאר מיר, פאר מיין געפיל אז איך וויל מיטשיקן אביסל היימישע קוכן, אבער דאס זאל זיכער נישט קומען מיט דרוק און אז מען מוז, דאס איז נאר אויב מען האט צייט און די כוחות. אז נישט איז היינט דא גענוג בעקערייען און גראסעריס וואס שטעלן אלעס צו.

זייט זיך מחזק, מיר טוען די העכסטע און הייליגסטע זאך וואס איז נאר שייך. שטארקט זיך, עס ווערט גרינגער. יעדער איז אריבער די וואסערן צום ערשט אבער דער סוף ווערט שיין און שענער פון יאר צו יאר.

**חלק ג׳ אם ירצה השם קומענדיגע וואך.**

# קלאסיפיידס

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמשון הערש טייטלבוים הי"ו**
**וזוגתו רבקה חנה תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם און אלע קינדער.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה לוי יצחק הורוויץ הי"ו**
**וזוגתו גיטל תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם און אלע קינדער.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שלום יוסף יאקאבאוויטש הי"ו**
**וזוגתו ביילא תחי'**
**צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך.




## וועד האש"ל

צוליב די גרויסע נאכפראגע פאר דירות אין שטעטל אויף קומענדיגן שמחת תורה, האט מען געעפענט א טעלעפאון נאמבער, ווי מען קען ארייערופן און ארייגלאזן א מעסעדזש פונקטליך וואס מען דארף, און מען וועט אי"ה פרובירן צו צופרידן שטעלן על צד היותר טוב.

די נאמבער צו רופן איז 845-600-0542

### Egg Boxes

מיר האבן ליידיגע אייער באקסעס אוועקצוגעבן ווען נויטיג.

Call 347-831-4727

### Waze Gemach

ווילט איר פארן ערגעץ און איר דארפט א waze מאשין צו בארגן?

Call 929-617-0448

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו**
**וזוגתו אסתר רחל תחי'**
**צו די בר מצוה פון הבחור יצחק נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם און אלע קינדער.

# שהכל נהיה בדברו

ר. ל. ווייס

א שיינע מעשה וויל איך אייך דערציילן,
זאל יעדער דערהערן וואס איך גיי דא מיטטיילן.

מיט דעם הייליגן ר' חיים פון וואלאזין טוט די מעשה פארקומען,
ענטפערן אמן מוז א צווייטער, טוט ער באשטימען,
נישט עסן אדער טרינקען, ביז איינער וועט אנקומען.

איינמאל וועקט ער זיך אויף חצות אינמיטן די נאכט,
יעדער שלאפט אבער פון דארשט ער שמאכט,
זאל איך מאכן א ברכה אָן אַן אמן, ער טראכט...

שטארק מיט זיין קבלה טוט דער צדיק בלייבן,
טוט זיין דארשט אבער ווייטער טרייבן,
אז דער אייבערשטער וועט העלפן טוט ער גלייבן,
רוקט זיך דער זייגער, באלד דעם דארשט טוט ער שוין נישט דערהייבן,
קלאפ, קלאפ! פרישע כוחות טוט שוין אין דעם צדיק זיך צאם קלייבן.

איינער פון די תלמידים פון זיין ישיבה איז ביים טיר,
יעצט א קשיא אין גמרא איז אונטערגעקומען מיר,
נישט געקענט ווארטן ביז מארגן איך שפיר...

אה, דער צדיק מאכט א ברכה, עס איז דא ווער עס זאל ענטפערן אמן!

מיט וואס קען איך דיר באצאלן דער צדיק דעם בחור פרעגט ער,
צו באדאנקען דעם בחור דער צדיק טוט אן אויפהער,
וואס דער תלמיד פארשטייט נישט, גייט ער דערנאך איבער,
העלפט אים אין לערנען; און דערנאך אהיים גייט יענער.

הא, הא, עס איז שוין אינדערפרי דער צדיק אפגעגאסן זיך,
ער לויפט אין ישיבה צו מאכן אין די לופט א איינגענעמע געריך,
לאמיר נאר באדאנקען נאכאמאל דעם בחור גיך,
פארוואס פרעגט דער תלמיד: "עס איז דאך נישט געווען מיך?"
טייער געהאלטן מיין מנהג, איז געקומען אליהו הנביא אין געשטאלט ווי דיך!

דאס טוט אונז ווייזן די גרויסקייט פון ענטפערן אמן אסאך,
ענטפער אמן, און הויך ברכות שטענדיג מאך,
ריף א צווייטן פאר דו מאכסט א ברכה עס איז אזא שיינע זאך!

איך האב געטראכט נאך א פשט א שיין,
יא ווען מען טוט מיט א געוויסע מצוה שטארק זיין,
יעדער עפעס אנדערש: תפילה, כיבוד אב ואם, צו מיט איידלקייט באגיין,
באקומט מען די כוחות צו זיין שטארק פונעם אייבערשטן אליין,
ער וועט אונז העלפן צו קענען ווייטער זיין פיין,
ריינע תפילות וועט דיר אויך העלפן צו קענען אין א גוטע זאך ווייטער שטיין,
שטארק זיך! און טו ווייטער מיט אלע כוחות אנגיין,
טו דאס געדענקען אין נעם אין דיר אריין,
ער העלפט אונז ווען מיר ווילן גוט זיין,
ריינע כוונות איז ביים אייבערשטן פול מיט חן!



ג. פעקעטע



# די פרייז פונעם פארדינסט

"דו הערסט א מעשה?" קומט שרי צו האפן און פאפן - ווי איר שטייגער איז - "מיין רוימערקע זאגט מיר יעצט אז זי וויל צוריקקומען ארבעטן ביי מיר".

שרי זוכט די נענטסטע ליידיגע בענקל און זינקט אריין דערין. אירע קינדער צוגייען זיך שפילן מיט די שכנים, און זי שימפט ווייטער: "א גאנץ זומער מוטשע איך זיך נאכדעם וואס מיין רוימערקע האט זיך אפגעזאגט פון מיר אנהייב זומער. איך האב פרובירט יעדע וואך א צווייטע פרוי, קוים מיט צרות האב איך זיך פארשאפט זייער נומער, זיך צוגעשטעלט צו זייער פארקרומטע סדר, און גענומען א רוימערקע אין צייטן וואס איך וואלט ענדערש ארויסגעגאנגען ערלעדיגן זאכן, אדער פארברענגען דא.

אבער איך האב דאך נישט געהאט קיין ברירה, מיין הויז דארף דאך ווערן גערייניגט לכבוד שבת. האב איך זיך פרובירט אן עצה צו געבן דורכאויס די זומער וואכן, יעדע וואך פרובירט א צווייטע מאריא, אלעקסאנדרע, עלא, אנא, דשעסעקע, און אזוי ווייטער. וואס זאל איך אייך זאגן, זיי זענען געווען איינס ערגער ווי די צווייטע".

מיר האבן אלע צוגעשאקלט מיטן קאפ, דאס איז בכלל נישט קיין זעלטענע געשעעניש אדער אן איינצעלע מעשה, מיר גייען דאך שטענדיג דורך די זעלבע אפקומעניש. שרי אבער איז נאך צוקאכט און לאזט נישט אריינרעדן "און יעצט ווער איך געוואויר, אז נישט מער און נישט ווייניגער, זי איז געגאנגען פאר די זומער ארבעטן אין א קעמפ. דארט שטעלט מען איר צו עסן און שלאפן, און א ארבעט פאר די גאנצע וואך".

טייל פרויען זענען שאקירט געווארן פון די מציאות, און די

צווייטע טייל האבן גאר גוט געוואוסט וואס שרי זאגט, זייער פרוי וואס קומט ריייניגן, האט זיך דאך אויך אפגעזאגט אנהייב זומער, איינע מיטן אויסרייד אז זי מיינט אז זי איז שוין געשטארבן, און אפשר אז זי וועט צוריק ווערן לעבעדיג וועט זי זיך מעלדן אז זי קען ווייטער קומען ארבעטן...

א צווייטע מיטן זון וואס מען האט שוין אפגעשניטן זיין פערטע פיס אין די לעצטע פיר חדשים... א דריטע מיט א מעשה אז זי איז ארויסגעווארפן געווארן פון איר דירה און זי האלט אינמיטן זיך אריבערציען צו א צווייטע לאנד פון וואו זי וועט מיר לאזן וויסן אויב זי קען אריינקומען יעדן טאג ארבעטן ביי מיר, מיט אן העליקאפטער... יא, יא, שאקלט יעדער צו מיט באדויער, אזוי איז עס מיט זיי, מען מאכט דאך אלץ מיט א פרשה מיט זיי, אבער לאמיר זיך נישט צופיל אפרעדן; זיי קומען דאך אונז באדינען און ארויסהעלפן, גרינגער מאכן מיט די שטוב ארבעט.

מלכי, די קנאקער וואס האט אלץ אריינצורעדן און אריינצוזאגן פאר יעדן איינעם, האט זיך ווידעראמאל אנגערופן פון פריש: "כ'האב געהערט אז ראש השנה דארף מען בעטן דעם אייבערשטן צו האבן די ריכטיגע רוימערקע, נו, ס'קומט שוין באלד ראש השנה, לאמיר געדענקען עס צו אינזין האבן"(איך האב שפעטער צוריק געהערט אז יענע וואך איז געווען א באשרייבונג אין די יעדער-מיז-ליינען-און-אננעמען-די-שיטה-חק-ולא-יעבור-מאגאזין וועגן דעם דערהער).

שרי אבער לאזט נאכנישט צונעמען די ספאטלייט און ענדליך ענדיגט זי ארויסגעבן איר גאנצע געשיכטע, "און יעצט רופט זי מיר אן אן קיין בושה, אויב איך וויל איר צוריקנעמען ארבעטן ביי מיר".

מיר זענען אלע געווען איינשטימיג אין די אומבארעכטיגקייט דערפון.

איינער אנוועזנד האט געוואוסט צו זאגן אז ס'איז געווען אמאל עפעס א מעשה פון איינעם פון די רבנים אז זיי האבן אנגעזאגט זייער טאכטער צו בעטן אונטערן חופה צו האבן א גוטע רוימערקע.

די מעשה איז געווען ביים הייליגן רבי'ן, ווען זיין טאכטער איז אריינגעקומען וויינען אז זי האט נישט קיין דינסט זאל איר באדינען. אין יענע צייטן איז עס געווען אזוי וויכטיג ווי עס איז היינט, זיי האבן דאך געדארפט אן איבריג האנט צו העלפן שעפן וואסער, וואשן וועש אין טייך, מאלן עסן פון זייער ארגינעלע פארעם, צו מאכן מעל, צוקער און אזוי ווייטער. האבן זיי דאך געדארפט האבן די הילף אנצויאגן די טאג.

איך מאך נישט אוועק, מיר דארפן אויך די הילף; א אידישע שטוב איז א פעקטערי, מען בויעט קינדער, מען בויעט די עתיד פון כלל ישראל, און ס'גייט אריין פיל ארבעט, הארעוואניע און מי. און איין טאג וואס א רוימערקע קען קומען אראפנעמען אביסל די עול פון א איבערגעשטרענגטע אידישע מאמע, איז נישט אוועקצומאכן.

דער רבי האט געפרעגט זיין טאכטער: "האסט אינזין געהאט צו בעטן אונטערן חופה פאר א גוטע דינסט?"

מיר לערנען זיך פון דא אז קיין איין זאך איז נישט צו קליין, אדער צו מגושם צו בעטן דערויף. וואס דו דארפסט האבן איז דאך פשוט אז דו זאלסט עס בעטן פונעם אייבערשטן וואס ער האט די יכולת צו ערפילן דיינע אלע געבעטן און ער וויל דיר העלפן, דו דארפסט אים עס נאר ארויסזאגן.

מלכי - אזוי ווי פריער געזאגט - האט דאס נישט געקענט אראפשלינגען. "Come on- (קאם אן) - האט זי זיך צושריגן - וואס נאך זאל איך אינזין האבן אונטער די חופה צו בעטן; דו מיינסט אז ס'איז נישטא בעסערס וואס צו בעטן אונטער די חופה, ווי פאר א גוי'טע, א דינסט?? מען דארף דאך בעטן פאר די גאולה שלימה, אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, ווער קען טראכטן פון אזעלכע גשמיות'דיגע קלייניגקייטן אונטער די חופה?"

איך האב עס שוין נישט געקענט דורכלאזן, און איך האב איר געזאגט: "וואס רעדסטו, אונטער די חופה בעטסטו אלעס וואס דו דארפסט!"

זי האט אריינגעהאקט נאכאמאל מיט א צינישע טאן, "און אויב איך האב נישט געבעטן אונטער מיין חופה, מיינט עס אז איך וועל מער אין מיין לעבן נישט קענען טרעפן א רוימערקע? דו רעדסט נישט צום זאך".

איך האב איר דא אריינגעהאקט: "ס'איז נישט אזוי, יעדן טאג בעט איך דעם אייבערשטן פאר א רוימערקע, וויבאלד מיין רוימערקע האט זיך אויך אפגעזאגט אנהייב זומער. איך קען נישטווארטן ביז ראש השנה, אדער שטענדיג חרטה האבן וואס איך האב יא אדער נישט אינזין געהאט אונטער מיין חופה. נאר אלעס וואס עס ליגט מיר אויפן הארץ געב איך שוין איבער דורך א קורצע תפילה אין מיין אייגענע מאמע לשון צום אייבערשטן, און

איך זאג אים, און איך בעט אים אלעס וואס איך דארף. פארוואס זאל איך האלטן די דריקעניש, די ענגשאפט ביי מיר אין הארצן פון יעצט ביז ראש השנה - כאטש ס'איז נישט צו וויט אוועק - איך קען דאך שוין יעצט אנהייבן מתפלל זיין דערויף? יעדע זאך האט זיך זיין מאס תפילה וואס עס קאסט".

ריכטיג אז אונטער די חופה איז דא א גרויסע כח, עס איז א שטארקע עת רצון, די הימלען זענען אפן, און דו קענסט מתפלל זיין און באקומען ישועות גיכער. ראש השנה ווערט דאך אפגעשריבן די יאר וויפיל א מענטש זאל דורך גיין במשך דאס קומענדיגע יאר - איז מען מתפלל און מען בעט פאר א זיסע לעכטיגע יאר, אויף א גוטע גזר דין, און אודאי האלט מען זיך נישט אפ פון בעטן אויף קיין שום קלייניגקייט. אבער פאר דעם זאל איך נישט אויסניצן די כח וואס מיר האבן באקומען אין אונזער מויל, עס צו ניצן אויף תפילה? מיר האבן דאך באקומען אזא גרויסע מתנה - די מתנה פון תפילה, ס'איז דאך אזוי שטארק, עס שפאלט הימלען, ס'ברעכט אייזן, עס האט נישט קיין צייט, עס האט נישט גבול און עס האט נישט קיין מאס, עס איז אלעמאל, אייביג, איבעראל, און אויף אלעס געשטעלט.

שכח אייבערשטער אז דער הייליגער רבי געבט אונז די מתנה, די שכל אז יעדע זאך קען מען באקומען, עס האט א פרייז.

דו ווילסט זיך באגיין מיט די פרייז פון בעטן איין מאל אונטערן חופה, און מיט דעם זיך פטר'ן?

ס'איז דא וואס שפירן אז זיי דארפן מער, און ווארטן אויף ראש השנה צו ערפילן זייער חוב פון תפילה.

אבער דאן זענען דא דעם רבינ'ס לייט וואס באגעניגן זיך נישט מיט די איינצעלנע געלעגנהייטן, נאר נוצן אויס די מתנה פון תפילה והתבודדות - בעטן יעדע זאך, און אויסשמועסן פונקטליך די געפילן ארום די זאך, פארציילן פארן אייבערשטן 'פארוואס איך דארף מיין רוימערקע, וואס פאסירט ווען איך האב נישט מיין הילף, און ווי גליקליך איך וועל ווערן ווען ער וועט מיר שיקן מיין הילף און מיר ווייזן קלאר אז תפילה העלפט יא', דאס איז אן אומצאליגע געווינס.

דאס זעלבע איז מיט אמונה. אלע אידן האבן אמונה, ווער גלייבט נישט אין 'אנכי ה' אלקיך'? אבער וויפיל גלייבסטו?

דו גלייבסט נאר אז דער אייבערשטער האט דיר געגעבן דיין שידוך, און ער שטעלט דיר אונטערן חופה, און דארט האט זיך געענדיגט זיין השגחה אויף דיין לעבן, אויף דיין שלום בית חלילה?

אדער גלייבסטו אויך אז איין מאל - ראש השנה - האסטו א פרישע געלעגנהייט אויסצובעטן פאר דיר, דיין מאן, דיינע קינדער, דיינע דורות און פאר כלל ישראל, ס'זאל קומען א זיסע יאר? און דו גלייבסט אויך אין דעם אז דיינע תפילות ווערן אנגענומען אין די הייליגע טאג ראש השנה - ווען מען משפט יעדן איינעם באזונדער.

אדער אפשר ביסטו פון די געציילטע מיליאנערן וואס האבן ענדלאזע אמונה - אזוי ווי זיי האבן תפילה - ביי זיך אין טאש. ביי יעדע מצב, ביי יעדע געלעגנהייט נעמען זיי ארויס זייער געווער, מען דארף אפילו נישט לייגן די הענט אין טאש ארויסצונעמען די געווער, עס איז א חלק פון דעם מענטש.

איך גלייב אז דאס וואס מיין מאן האט מיר יעצט בא'עוול'ט, האט דער אייבערשטער צוגעשיקט. איך גלייב אז מיין גוי'טע האט זיך אפגעזאגט, האט דער אייבערשטער מיר יעצט אונטערגעשטעלט. איך גלייב אז מיין שכנ'טע האט מיר אריינגעפליקט: 'וואס? ענק זענען ברסלב??? דו לאזט דיין מאן דיר איבערלאזן פאר א גאנץ יום טוב? נאך מיט א שבת אויך? און ער פארט זיך אזוי אוועק צו אומאן? אן א הארץ לאזט ער דיך אזוי עלנד אליין, ווי אזוי וועט דיין יום טוב אויסזען?' דאס גלייב איך אויך האט דער אייבערשטער געשיקט פאר מיר, איך זאל זיך קענען שטארקן און זיך ווענדן צו אים מיט תפילה, אמונה און אמונת צדיקים אינעם רבינ'ס צוזאג.

דער הייליגער רבי לערנט אויס אז אמונה און תפילה איז געקניפט און געבינדן איינס מיטן צווייטן: ווי מער אמונה מען האט, אלס מער תפילה מען מאכט. און ווי מער תפילה מען מאכט, אלס שטערקער ווערט די אמונה.

אלעס האט א מאס. מיט אמונה און מיט תפילה קען מען שנעל ערפילן די מאס און זען מיט די אויגן וואונדערליכע ניסים ביי יעדע פרט אין לעבן.

**"הייליגער באשעפער איך וויל האבן אמונה אין דיר, גלייבן אין דיר, אין דיין פונקטליכע השגחה, און שטענדיג בעטן פון דיר אלעס וואס איך דארף, ווייל איך ווייס אז אין דעם ווענדט זיך מיין גאנצע אמונה. העלף מיר האבן אמונה צו קענען בעטן פון דיר, און העלף מיר גלייבן מיט א קלארע אמונה אז דו הערסט יעדע ווארט וואס איך רעד צו דיר, ווייל עס איז איין קייט".**

# אומאן ראש השנה
## פראגראם



**טייערע חשוב'ע בלעטל קינדער שיחי'**

אומאן אומאן ראש השנה... אה! מען שפירט שוין אין די לופט דעם רבינ'ס ראש השנה אזש ס'זינגט זיך פון זיך אליין.

אין די יעצטיגע טעג ווען מען האלט הארט פאר די געהויבענע נסיעה צום הייליגן רבי'ן, ווילן מיר הערן פון די טייערע בלעטל קינדער וויאזוי דו גרייטסט זיך צום רבינ'ס ראש השנה. נישט וויאזוי דו פאקסט דיין רענצל און נישט וואו דו גייסט זיצן אויפן ערעפלאן... נאר גאר עפעס העכערס.

ווי אלע ווייסן איז ביים רבינ'ס ציון אין אומאן א פלאץ ווי מען פועל'ט ישועות למעלה מדרך הטבע, וואס מען בעט ביים רבי'ן - באקומט מען, קינדער בלעטל שטעלט אהער א מעכטיגע **אומאן ראש השנה פראגראם** וואו די חשוב'ע בלעטל קינדער קענען מיטטיילן איינער דעם צווייטן א שיינע זאך **וואס דו גייסט בעטן פון הייליגן רבי'ן**, ווי אויך עפעס **וואס דו גייסט זיך מקבל זיין ביים הייליגן רבי'ן** לכבוד דעם נייעם יאר, און די בלעטל קינדער וועלן זיך קענען לערנען שיינע זאכן איינער פון די אנדערע.

ווען איר שיקט אריין א מעסעדזש, זאל עס זיין ווי פאלגענד:

**1. דיין נאמען**

**2. וועלכע כתה לערנסטו**

**3. דיין היים טעלעפאן נומער**

**4. וואס גייסטו בע"ה פועל'ן ביים רבינ'ס ציון**

**5. וועלכע גוטע קבלה גייסטו זיך מקבל זיין ביים רבינ'ס ציון**

שיק עס אריין צום קינדער בלעטל (זע נומער אויף זייט 2) און מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועסטו קענען זען אינעם ראש השנה בלעטל וואס דו - און נאך צענדליגע אנדערע קינדער - גייען מיטן אייבערשטנ'ס הילף פועל'ן און זיך מקבל זיין ביים הייליגן רבי'ן.

**א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר**

קינדער בלעטל



# וועלכע מין שירעם גייט מען

- געב א שמייכל

## די מתנה פון ראש השנה

- ברסלב'ע חידות

דעדליין אריינצושיקן אייערע ענטפערס פארן 'ראש השנה פראגראם' איז

# זונטאג נאכט פרשת כי תבוא

# דעם רבי'נ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "ווער ס'איז געווען ביי מיר אויף ראש השנה דארף זיך זייער פרייען!"

## ברסלב'ע חידות

**ווער האט געגעבן פארן רבי'ן די מתנה פון ראש השנה**

א. דער אייבערשטער
ב. דער בעל שם טוב
ג. דער אריז"ל
ד. רבי שמעון בר יוחאי

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

רבי נתן האט געזאגט: איך האב מער ארויסגעהאט דעם רבי'ן פון זיינע שיחות און שמועסן

## געב א שמייכל

**מיט וועלכע מין שירעם גייען רוב מענטשן ווען ס'רעגנט?**

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**סב. מִי שֶׁנּוֹתֵן צְדָקָה, שְׂכָרוֹ שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמֶת.**

וֶוער עֶס גֶעבְּט צְדָקָה, וֶועט בַּאקוּמֶען שְׂכַר אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּם אֱמֶת.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)



בילד פון פארגאנגענע וואך: **יעקב מנחם שווארץ - כתה א' - קרית ברסלב**

# מענטשערליך

## פוּן וואוּ וֶועל אִיךְ הָאבְּן עֶסְן?

### עפיזאד

זִיצְט שׁוֹין חַיִּים אִין זַיין טַאטֶע'ס קַאר. זֵיי זֶענֶען אוֹיפְן וֶועג צוּם עירפָּארְט חַיִּים אִיז 6 יָאר אַלְט, עֶס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר גֵייט מִיטְפָארְן צוּ אוּמַאן! חַיִּים אִיז מוֹרָא'דִיג פְרֵיילִיךְ עֶר הָאט גֶעצֵיילְט דִי טֶעג בִּיז מְ'הַאלְט שׁוֹין אֱמֶת'דִיג דָא אַז מְ'קוּמְט שׁוֹין כִּמְעַט אָן צוּ דִי עֶירְפָּארְט.

אָבֶער פְּלוּצְלִינְג... דֶערְמַאנְט זִיךְ חַיִּים אַז בַּאלְד וֶוערְט שׁוֹין דִי צַייט פוּן עֶסְן נַאכְטְמָאל, אָבֶער זַיין בֶּעג מִיט צְוֵויי סֶענְדְוִיטְשֶׁעס אוּן נָאךְ סְנֶעקְס מִיט נַאשׁ וָואס זַיין מַאמֶע הָאט אַזוֹי הַארְצִיג אָנְגֶעגְרֵייט, אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף דִי קָאךְ טִישׁ!

חַיִּים אִיז גֶעוָוארְן הוּנְגֶערִיג נָאר פוּן טְרַאכְטְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין עֶסְן. דִי פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אַרוּם חַיִּים הָאט זִיךְ אַבִּיסְל גֶעטוֹישְׁט, עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּאזָארְגְט. דֶער טַאטֶע הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף חַיִּים אוּן אִים גֶעזָאגְט: "וֶוען מְ'פָארְט אוֹיף דִי וֶועגְן דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ הִילְף פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, וֶועגְן דֶעם פַאר אִיךְ פָאר אַרוֹיס לֵייג אִיךְ צְדָקָה אִין פּוּשְׁקֶע אוּן אִיךְ זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף הָאבְּן".

חַיִּים הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט זַיין טַאטֶע אוּן פּוּנְקְט אַזוֹי גֶעטוּן.

יֶעצְט אִיז חַיִּים אַסַאךְ רוּהִיגֶער, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַאר אִים עֶסְן, נִישְׁטָא וָואס צוּ זָארְגְן. צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְט חַיִּים מֶער אוּן מֶער הוּנְגֶערִיג אוּן עֶר זָאגְט נָאכְאַמָאל פַאר זַיין טַאטֶע, "אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין פוּן לַאנְג אָנְגֶעגְרֵייט עֶסְן פַאר מִיר".

דֶער טַאטֶע זָאגְט פַאר חַיִּים "בַּאלְד וֶוען מְ'וֶועט שׁוֹין זִיצְן רוּהִיג אוֹיפְ'ן עֶרֶעפְּלֶעין זָאלְסְטוּ מִיר דֶערְמַאנֶען צוּ פַארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מִיט זַיין תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעגְלֵייבְּט".

דֶערְוַוייל זֶענֶען שׁוֹין טַאטִי אוּן חַיִּים אָנְגֶעקוּמֶען אִין



בילדער ח. שטיינבערג



עֶירְפָּארְט גְרֵייט אַרַיינְצוּגֶעבְּן דִי גְרוֹיסֶע רֶענְצְל וָואס מְ'וֶועט אַוֶועק לֵייגְן אִין דִי טְרָאנְק פוּן עֶרֶעפְּלֵעין בִּיז מְ'קוּמְט אָן אִין דִי אַנְדֶערע לַאנְד.

שְׁמוּאֵלִי מִיט זַיין טַאטֶע זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי רַייע פְרָאנְט פוּן חַיִים, אָבֶער שְׁמוּאֵלִי'ס רֶענְצְל הָאט מֶען אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט וַוייל סְ'וֶועגְט צוּ סַאךְ. שְׁמוּאֵלִי'ס טַאטֶע הָאט גֶעעֶפְנְט דִי רֶענְצְל אַרוֹיס צוּנֶעמֶען אַפָּאר זַאכְן אַז סְ'זָאל וֶועגְן וֵוינִיגֶער, עֶס אִיז דָארְט גֶעלֶעגְן בְּרוֹיט קְרִים טְשִׁיז אוּן נִיסְלֶעךְ!

שְׁמוּאֵלִי'ס טַאטֶע הָאט גֶעזָאגְט "מִיר הָאבְּן צוּפִיל עֶסְן, חַיִים נֶעם וִויפִיל דוּ ווִילְסְט אוּן זַיי זִיךְ מְחַיֶ'!

חַיִימְ'ס אוֹיגְן הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן קְלָאר אַז אוֹיבּ מְ'גְלֵייבְּט, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אִין דִי עירפָּארְט הָאט חַיִים זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט אַזוֹי וִוי דִי גְרוֹיסֶע טַאטֶע'ס. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל וַואטְשְׁן זַיינֶע אוֹיגֶעלֶעךְ, אוּן גֶעקוּקְט אוֹיף דִי פְלָאר נִישְׁט צוּ זֶעהן דִי נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע גוֹיִם אוּן בִּילְדֶער. נָאךְ אַסַאךְ וָואקְן אוּן וַוארְטְן זִיצְט מֶען שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אוֹיף דִי עֶרֶעפְּלֶעין. חַיִים פַארְגֶעסְט נִישְׁט צוּ דֶערְמאנֶען:

"טַאטִי דִי מַעֲשֶׂה פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב מִיט זַיין תַּלְמִיד".

טַאטִי פַארְצֵיילְט: "דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֵייט אִין מִדְבָּר צוּזַאמֶען מִיט זַיין תַּלְמִיד, זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אִינְמִיטְן וֶועג זָאגְט דֶער תַּלְמִיד פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר דָארְשְׁטִיג, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט וַוארְט אַבִּיסְל בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן. נָאךְ אַבִּיסְל וָואקְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט "רֶבִּי, אִיךְ בִּין אַזוֹי דָארְשְׁטִיג אַז אִיךְ פִיל וִוי אִיךְ גֵיי שׁוֹין חַלֶשְׁ'ן". הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ גֶעפְרֶעגְט, "גְלֵייבְּסְט מִיט אַן אֱמֶת אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט הָאט עֶר שׁוֹין אִינְזִינֶען גֶעהַאט דִיךְ אוֹיךְ, אַז וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין דָארְשְׁטִיג אִין וַואלְד זָאלְסְטוּ בַּאקוּמֶען וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען?" הָאט דֶער תַּלְמִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט "יָא רֶבִּי, אִיךְ גְלֵייבּ אַז סְ'אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי".

"אוֹיבּ אַזוֹי וֶועסְטוּ זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן" זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב. פְּלוּצְלוּנְג זֶעען זֵיי פוּנְדֶערְוַוייטְנְס אַ גוֹי מִיט צְוֵויי אַמְפֶּערְס וַואסֶער אוֹיף זַיין אַקְסְל, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן תַּלְמִיד צוּ בַּאצָאלְן פַאר דֶעם גוֹי אוּן דֶער תַּלְמִיד הָאט זִיךְ מְחַיֶ' גֶעוֶוען מִיט דִי וַואסֶער!

דֶער טַאטֶע הָאט גֶעעֶנְדִיגְט פַארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וֶוען דִי עֶרֶעפְּלֶעין הָאט גֶעעֶנְדִיגְט פָארְן זֵייעֶר שְׁנֶעל אוֹיף דִי לַאנְגֶע רָאן וֵועי אוּן זִיךְ גֶעהוֹיבְּן אִין דִי לוּפְט צוּ פְלִיעֶן קַיין אוּמַאן!



# קליין און פיין


יואליש און עמרם ראטה


שלום עזריאל מאירוביץ


משפחת שווארץ


משפחת העסקעל און פעלבערבוים


חי אסתר יאקאבאוויטש


יצחק ווערטהיימער



ברכי בלעדי

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
**845.379.1161**
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


אליעזר שלמה אפפעל


ישראל שמעון שטרויס


משפחת לאנדא


אדי און אסתי היימליך


ליפא און יוסי פארקאש


נתי אפפענהיים


יצחק יאקאב


ליפא און יוסי פארקאש



משפחת שווארץ

בס"ד

## מודעה משמחת

מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן פאר אנ"ש אז
מיר גרייטן זיך שוין צו דרוקן ספר עצתו אמונה

# חלק י"א




זכות בספר

**$500**

קרן הדפסה

צו קויפן א זכות אינעם ספר ווענדט אייך צו:

**מו"ה לייבי ראטה הי"ו**
**347.578.4449**

*srulHeskel

# געשעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**אסיפה מיט אלע חשובע באס דרייווערס פון די מוסדות אין שטעטל**



**אסיפה מיט די בודקים פונעם עירוב אין שטעטל**



**אסיפה מיט די עסקנים פונעם בנין אין אומאן**

קרעדיט: אייזיק ראטה, יוסי פרערויא, שלמה האמער, אברהם אייזנער, אברהם פרידריך, משה רוזנברג, לייבי ראטה, שמעון פיש








יערליכע מסיבה פארן בית התבשיל אין שטעטל




אפשערן פון הילד בן מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו



עצתו אמונה פארברענג אין היכל הקודש בני ברק



אסיפה מיט אלע מלמדים אין ארץ ישראל



די בחורים אין ישיבת היכל הקודש ירושלים באקן
חלות לכבוד ראש חודש



די חשובע יונגעלייט פון די פייער דעפארטמענט
לערנען די הלכות שבת ווי אזוי מען מעג לעשן א פייער



תלמוד תורה היכל הקודש טבריה ביים זיך גליטשן מיט וואסער נאכן לערנען פלייסיג









**קאלארוואר אין מחנה אש תוקד**



**די באס מענעדשער ביים איינהאנדלען נייע באסעס**




**תפילין לייגן פון הבחור יצחק ני"ו בן מו"ה שבתי מזרחי הי"ו**





סיום מסכת סוכה און אלו מציאות און ספר שופטים דורך די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק






גבאים פונעם קרן הבנין ביים איבער גיין די פלענער פונעם פרישן שטאק העכערן תלמוד תורה אין שטעטל




דער ראש ישיבה שליט"א ביים איבער גיין די פלענער פון די פרישע שטאק וואס מ'גייט ארויף ציען

בס"ד

# שניהם שהם אחד...

אין די יעצטיגע תקופה האט דער ראש ישיבה לתועלת הציבור צוגעלייגט א פרישע ציגל צום הערליכן פאלאץ

## "קרן הדפסה היכל הקודש",

מיטן שטעלן דעם באקאנטן

## "מכון עצתו אמונה"

אונטער די פירערשאפט פון קרן הדפסה, דאס הייסט אז אלע זכותים אין די ספרים וואס די מכון געבט ארויס וועט ווערן געפאנדרעיזט דורכ'ן באקאנטן גבאי קרן הדפסה מוה"ר לייבי ראטה הי"ו.

צו נעמען א זכות אין איינע פון די פילע ספרים; עצתו אמונה, איש אמונות, ליקוטי מוהר"ן שפתי תפתח, און אזוי ווייטער, קען מען זיך מעלדן צום גבאי'ן

## מוה"ר לייבי ראטה הי"ו.

א כתיבה וחתימה טובה
וואונטשט,

מכון עצתו אמונה

קרן הדפסה